# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

אכטער יאָרגאנג — אפריל 1947 לאָנדאָן — **נומער 4** (העפט 87)

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה אַ ל ט :

די פערזענלעכקייט י. ל. פרץ — ** .. .. .. .. .. 1
א טאָג (ליד) — ד ו ד ה אָ פ ש ט י י ן .. .. .. .. .. 5
די שווארצע גבורה פון גאָלדענע בריליאַנטן — מ ש ה ע ו ב ד 6
לידער (א תפילה, אַנדענק, אין וועג) — י צ ח ק ו ו י נ ע ר .. 10
יציאת מצרים — די נויט פאר אַן אייגענער סביבה
— נ ח ו ם ש ט ע נ צ ע ל .. .. .. .. .. 12
פאַר פסח (ליד) ש. ז א ל ק י ן .. .. .. .. .. 14
דער צעשטערטער סדר (דערציילונג) ק י י ט י ב ר א ו ן .. .. 15
פרילינג, אין דער נאכט פארן געטאָ אויפשטאַנד
(לידער און באַלאַדע) — א. נ. ש ט ע נ צ ל .. .. 21
„פען דע מאַנדיזם“ (עסיי) — ל ע אָ ק ע נ י ג .. .. 25
נאכט סצענע (ליד) — ד ו ד ז י י ד ע נ פ ע ל ד .. .. 28
זאק-לייוונט און די אנשי־מעשה (סקיצע) — ר אָ ז ל. ה ע נ ר י ק ע ס 29
דער מארש פון די באפרייטע אין בעלזן־בערגן
צייכנונג — ר אָ ז ל. ה ע נ ר י ק ע ס .. .. 30
זיבן הדשים יידיש טעאטער אין די עסטרייכישע לאגערן
— י צ ח ק ק ר ע ל מ א ן .. .. .. .. 31
סצענע־בילד פון „בלוטיקן שפאַס“ .. .. .. .. 32
מיינע אויגן זעען אַלעס אויסגעדרייט (געדיכט) — מ נ ח ת כ ה ן 33
אזארטשפילן ביי יידן (רעצענזיע) — ד ר. י ע ק ב מ י י ט ל י ם 34
וואָס איך דענק וועגן לעמך'ן — ב ן ־ א ס אָ כ א ט ש ע ו ו ס ק י 42
ס. פאַלמע (רעצענזיע) — א י י ז י ק נ אָ ל ד ב ע ר ג .. .. 44
נעט רובין אין „ר' סנדר“ (בילד) .. .. .. .. 47
וועגן „פּאָעטישע“ מאָטיוון — י ע ק ב ש מ ו א ל ט ו י ב ש .. 49
י. ל. פרץ אינם רוהר־געביט — א ל י ה ו פ א ל ו ש א ק .. 51
אַן ענטפער א „באַד - יונג“! — — — — — — — — ש. .. 56
אַלעק וואַטערמאַן אין בריסעל ביי דער „סאָלידאַריטעט
(באַריכט) — א ב ר ה ם ב ו י מ ע ר ד ע ר .. .. 59
קולטור ידיעות מארבע כנפות הארץ .. .. .. .. 61
ידיעות פון דאָ .. .. .. .. .. .. 63
מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאָכמיטאָגס .. .. 64

**פרייז 1 שילינג**

אבאָנענטס־פרייז :—13/6 פאר א יאָר ;
אין אויסלאַנד :—3 דאָלאר א יאָר
1/3 פאר א פּראָבע נומער

אַדרעס פון רעדאַקציע
„לשון און לעבן“, נאַראָד־פּרעס, 129-131 קאַוועל סטריט, לאָנדאָן, א.1.

**ס.** און **ב. פלאסטיקס** לטד.
פאַבריקאַנטן און עקספּאָרטערס
21, BERWICK STREET,
LONDON, W.1
*Telephone:* GERARD 7543

By Appointment
Dealer in Antiques to
H.M. QUEEN MARY

**CAMEO CORNER**
(Proprietor: Mosheh Oved)
are
Buyers and Sellers
of
Interesting Old Jewels

26 MUSEUM STREET,
LONDON, W.C.1.
MUSeum 0401.

**זיינוול דיאמאנט**
**„אונטערן האקנקרייץ“**
א באנד נאָוועלן 216 זייטן
דערשינען אין פארלאג א. ב. צעראטא,
פאריז. באשטעלונגען ביי :
E. Paluszak, 64, Lauriston Rd.,
Hackney, E.9.

**נ י י - י י ד י ש  ט ע א ט ע ר**
**פאלקס הויז** (בית עם לטד.) אדלער סט., א.1.
דירעקטאָריום : וו. קאַסאָף, ה. רייפעלזאָן, מרס. שאַפּירא.
טשערמאַן : מ. ביטלער. אָנפירונג : א. מייזעלס. האָנ. סעק.: ז. ביטלער.

**מאיר צעלניקער**
און די פאריזער שוישפילער
**מרים קאראלאווא** און **לעאָן בלומענזאָן**
צוזאמען מיט די שוישפילער לויטן א"ב :
פ ר ו י ע ן :— אנא בוים, שוועסטער טענטלער, קלארא מייזעלס, מעטא סעגאל, אנא צעלניקער, איידא שערמאַן, מיני שערמאַן.
מ ע נ ע ר :— מאָררים אקסעלראָד, מאקס בוים, פאול גאָלדשטיין, הערמאַן טונים, דוד סעגאל, א. פוקס, יאָזעף שערמאַן א.א.
מוזיק דירעקטאָר : פהיל בערנשטיין. בינע מענעדזשער : זשאק טשעפל

**יעדן אוונט פארשטעלונג** (פרייטאָג געשלאסן)
שבת און זונטאג מאטינע 3 בייטאג
**אוונט 7.30**

*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St, London, E.1*

## וויכטיק פאַר די לייענער פון „לשון און לעבן“

ווי באַוואוסט נעמט אָן דער זשורנאַל „ל ש ו ן א ו ן ל ע ב ן“ צו דרוקן יעדן מין געזעלשאַפטלעכן און געשעפטלעכן אַנאָנס פון אַ גאַנצער זייט, וואָס דער פּרייז איז 10 פונט, ביז צו אַ קלײנעם אַנאָנס פון 4 שורות פאַר 10 שילינג. יעדער אַנאָנס איז אַ ביישטייער און אַ בוי־שטיין פאַרן ווייטערן אויפבוי פונם זשורנאַל „לשון און לעבן“.

## וויכטיק פאַר אונז און פאַר אונזערע לייענער

מיר בעטן אונזערע פריינט און ליבהאָבער פונם יידישן וואָרט זיי זאָלן אונז העלפן אין צושיקן אַדרעסן פון זייערע באַקאַנטע און פריינט, וועלכע קענען האָבן אָן אינטערעס פאַר אונזער זשורנאַל און אַזוי אַרום שטאַרקן אונזערע קולטורעלע אַרבעט. איר קענט פאַרשטיין, אַז ביי אונזערע לאָקאַלע באַדינגונגען, האָבן מיר נאָך נישט דעם נויטיקן אַדמיניסטראַטיוון און טעכנישן אַפּאַראַט, וואָס מען ברויך צום אויסבוי פאַר אַזאַ ליטעראַרישן חודש־זשורנאַל. „לשון און לעבן“, וואָס האָט זיך דורך די אַלע שווערע מלחמה יאָרן מיט אַזוי פיל האַראָוואַניע און מי איינגעוואָרצלט אין אונזער אָרימען ישוב, און וואָס האָט געפונען אַ גוטן אָפּקלאַנג אויך מחוץ ענגלאַנד און מוז ווערן דער קנין און דאָס גייסטיקע אייגנטום פונם יידיש־רעדנדיקן ענגלאַנד.

אונזערע חשובע אַבאָנענטן, וועלכע באַקומען שוין צוגעשטעלט זייט איניקע חדשים אונזער זשורנאַל און האָבן נאָך נישט באַצאָלט דעם אַבאָנענטס־פּרייז, בעטן מיר זייער צו צושיקן די באַטרעפנדע סומע:

13/6 פאַר אַ יאָר. אין אויסלאַנד 3 דאָלאַר.

אין אַלע ענינים זיך צו ווענדן צו אונדזער נייעם סעקרעטאַר נחום שטענצעל

N. STENCEL, 7 Glasslyn Road, London, N.8.

די רעדאַקציע


„אין זכות פון די טעג“ — 3/6

„אין חדר אריין“ — 5/-

פון

משה עובד

צו באַקומען ביים מחבר:

MOSHE OVED, 26, MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1

עפּענטליכע ביבליאָטעקן באַקומען דאָס בוך פריי



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

אַכטער יאָרגאַנג · אַפּריל 1947 לאָנדאָן **נומער 4** (העפט 87)


## די פּערזענלעכקייט י. ל. פּרץ

10 יאָר י. ל. פּרץ־יאָרצייט פייערונגען ביי די יידישע ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס

I

שוין דאָס צענטע יאָר, אָן מלחמה־איבעררייס, אָן בליץ־הפסקות, יאָר איין יאָר אויס, ווי מיר דאָ אין ווייטשעפּל פייערן די טראַדיציאָנעלע פּרץ־יאָרצייט. און מיט אָט דעם אומאונטערגעבראָכענעם יום־טובדיק צערעמאָניאַלן אַקט איז אונזער פאַרוואָרפענער און אָפּגעריסענער און גייסטיק פאַרנאַכלעסיקטער ישוב דאָ מיט־פאַרבונדן געוואָרן מיט די יידישע ישובים וואו נאָר זיי געפינען זיך. מיר זיינען אַ רינגעלע אין אונזער גאָלדענער קייט! עס איז דער נאָמען פּרץ וואָס פאַרבינדט אונז אין אונזער צעשפּרייטקייט און אָפּגעריסנקייט צו איין גייסטיקן קולטור צענטער איבער דער גאָרער וועלט.

און אָט דער ערשטער י. ל. פּרץ־שבת פאַר צען יאָר אין שבת חומ“ה פסח, איז דאָס אייגנטלעך געווען דאָס קערנדל פון וועלכן עס איז אַרויסגעוואַקסן די יידיש־ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס, דער איינציקער קולטור־אינסטיטוט דאָ אין לאָנדאָן, — נישט נאָר אין ווייטשעפּל! — וואָס גייט אָן רעגלמעסיק און מיט זאַכלעכער אויסגעהאַלטנקייט מיט יידישער קולטור־אַרבעט.

באמת, מיר וואָלטן נישט אויסגעהאַלטן די אַלע נגישות פון קראַנקהאַפטע ברואָים און צעשטערער, פון די אַלע קולטור־שאַכער־מאַכער און סתם גייסטלאָזע ציניקער, ווען נישט די פּערזענלעכקייט פון י. ל. פּרץ, וועלכער שטייט אונז פאַר די אויגן און פאָדערט און מאָנט און גיט כּח פאַר דער מי־פולער אַרבעט און באַגייסטערונג צום קאַמף.

ס'איז די מאַיעסטעטישע און די דרך־ארץ־וועקנדיקע פּערזענלעכקייט פון י. ל. פּרץ, וועלכע פאַראייניקט אונז אין אַ געמיינשאַפטלעכע מחנה, אין אָן אויפגעפאָדערטן גייסטיק טעטיקן און אחריות־טראָגנדיקן צבור!

און ווער נאָך ווי מיר יידן, וואָס זיינען אַלצדינג מבטל, וואָס זיינען זיך אַליין שוין מבטל כּעפּרא דאַרעא האָבן מער נאָך נויטיק געהאַט אַזאַ מלכות־דיקע פיגור, וועלכע זאָל ווירקן נישט נאָר מיט איר שעפערישער אומשטערבלעכקייט, נאָר מיט איר שטראַלנדיקער פּערזענלעכקייט, מיט איר מענטשלעכן כאַראַקטער?!

דער נאָמען י. ל. פּרץ איז דער „דרך־ארץ"־רוף וואָס איז „קדמה לתורה", דער נויטיקער באַזיס און די ערשטע באַציאונג צו מענטשלעכער שעפערישקייט! — מיט דער צענטראַלער פיגור פון פּרצן זיינען מיר קונה שבת אין וועלכן מקום מיר באַזעצן זיך נאָר, מיט יידישע שולעס, מיט געזעלשאַפטלעכע און קולטור אינסטיטוציעס און ליטעראַטן פאַראיינען.

ביי אונז וואַנדערדיקע נע־ונדניקעס, וואו נישט איין פּאָעטל וויל בפירוש אייך אײפּווייזן בראַיות ברורות, אז זיינע לידער, צי דראַמעס זיינען דיכטערישער ווי פּרצנס, און ווער שמועסט נאָך אַ באַריידעוודיקער פּראָזאַאיקער מיט אַ פּינטל טאַלאַנט, פאַר אים איז פּרצעס פּראָזע: „ עפּעס גייסטרייכע מעשהלעך מיט פּינטעלעך, יום־טוב־בלעטלדיקע פעלעטאָנדלעך" — —

און ווילאַנג איז עס ערשט ווען פאַר די „אינטעליגענץ" איז שלום עליכם געווען: „וויים איך וואָס דאַרטן ווייבערישע מעשות צום לאַכן"?....און מענדעלע איז דאָך שוין לאַנג „פאַרעלטערט" — — —

II

איז דאָך ממש נאָר אַ וואונדער, אז אין אונזער וואַנדערנדיקער מחנה האָט זיך באַוויזן אזאַ גייסטיקער ריז, אז וואו נאָר מיר קומען און וואו נאָר מיר זיינען, שטייט זי אונז מאַיעסטעטיש און מאָנומענטאַל פאַר די אויגן, אז די אַלע נודנע גערײדעכצער, זיינען נאָר יענע אַרויסגעשטעלטע פייגן אונטער דער קעניגלעכער פּלייצע, וואָס מיט איר גרויס און מיט איר בּרייט; — „משכמו ולמעלה"! פאַרשטעלט זי זיי, די זיך דראַפּנדיקע נע־ונדניקעס, צוזאַם מיט די יידישע קריכנדיקע שבעים־לשונות־שרייבער, וועלכע עס ווילט זיך זיין די קלאַסיקער ביי די פּריש צוגעוואַנדערטע, ווייל זיי איז אַ ביסל שווערלעך צו ווערן כאָטש אָנערקענט ביי די פעלקער, אויף די שפּראַכן אויף וועלכע זיי האָבן זיך אויסגעלערנט שרייבן.

די פיגור י. ל. פּרץ איז אַ וואונדער, סיי ווי אַ קלאַסיקער אין אונזער מאָדערנער ליטעראַטור און סיי ווי דער וועקנדיקער רוף צו קולטור־טעטיקייט אויף דער יידישער גאַס. ווי דער אַרויסגעצויגענער שטאָלענער שטים־טאָן פון מעטאַלענעם קאַמער־טאָן קלינגט דאָס וואָרט פּרץ; וועקט אין אונז נגינה. מען ווערט אַ פאַל פון אַ מעלאָדיע, פון אַ הייליקן ניגון — אונזער שפלות ווערט מעמקימדיקע שטילקייט.

אויפן פאַרשטייניקט לעבן האָט ווידער אויפגעקלונגען שטאָלץ און קעניגלעך אונזער גין־גאָלדענע מטבע נישט אָפּגעמעקט און אין איר וואָג נישט פאַרלוירן, זיך קייקלענדיק און וואַלגערנדיק איבערן קיילעך־ערד — —

מענדעלע מוכר ספרים מיט זיין משכיליש־ליטווישער עקשנות האָט איינגעזאַמלט דעם יידישן אוצר, ווי אַ גאָלדגרעבער האָט ער פון די פליענדיקע זאַמדן אויסגעוואַשן קערנער פאַרן גאָלדענעם פאַרזיי; שלום עליכם האָט איינגעהעמערט אין זיי דעם קלאַנג פון גין־גאָלדענעם געלעכטער, ווי אין קאַסעם אוקראַיִנישע אויסגעהעמערט ס'ווערט לויטערער טאָן, גרייטער פאַר



זשניוועָ; און פּרץ דער טאָן־געבער פון אונזער מאָדערנעם שאַפן, דער קולטור טרעגער צווישן די האַראָפּאַשנע מאַסן—אין די מעמקימס פון דער אָרעמסטער „קעלער שטוב" נידערט ער אַראָפּ מיט זיין „אויב נישט העכער"! מיט פּרצן באַקומט אונזער מאָדערנע ליטעראַטור יידישע פּערזענלעכקייט; זי ווערט ווידער אויסגעפּרעגטע יידישע מטבע! דער דרך ארץ וועקנדיקער פּאַטריאַרך און די געאײדלטע פרוי ווערן ווידער די צוויי־אייניקייט פון יידישן שאַפן.

מיט די ערשטע צוויי פון אונזערע קלאַסיקער וואָלטן מיר נאָך געקאָנט בלייבן אַ געשיכטלעך פאָלק — שיין־געמאָלענע „קאַרטינע" אין אַ גאָלדענעם רעם; און טביה'ען, דעם האַראָפּאַשנעם טיפּ, ווער ווייסט אויב מנחם מענדל וואָלט אים נישט ליציטירט אויף דער בערזע — אין אָדעם טאַקע נישט, אָבער אין תל־אביב!.... מיט פּרצן זיינען מיר געבליבן אין אונזער מאָדערנער ליטעראַטור, דאָס אייביקע פאָלק! אויף אייראָפּעאישער ערד, האָבן מיר מיטגעחלומט דעם חלום פון 19־טן און 20־טן יאָרהונדערט מיטן יעקב־שטיין צוקאָפּנס! פון בריסקער רב און ביאַלער רבין ביז מיכל כלזמר און חיים טרעגער זיינען אַלע פּערזענלעכקייטן; זיי זיינען פלייש פון שאַפערס פלייש און בלוט פון זיין בלוט; זיי זיינען נישט קיין ראָמאַן־העלדן, קיין טיפּן, זיי זיינען פּראָבלעמאַטישע פּערזענלעכקייטן, זיי זיינען געפאָרמטע אייביקייטן פון אונזער גייסטיקייט, וואָס איז פּושט צורה ולובש צורה.

III

און דעריבער איז פאַרשטענדלעך, וואָס דעמלט, באַלד נאָך י. ל. פּרצנס טויט איז אַרויפגעשוואומען אַ מין שאלה: „ווער וועט פאַרנעמען פּרצעס שטול?" ווייל מיטן אוועקגיין פון אָט־דעם ליטעראַרישן שעפער פון וועלכן ס'איז געבליבן אַ שאַפע מיט ספרים, מיט ביכער, איז אויך אוועקגעגאַנגען די פּרץ־פּערזענלעכקייט, דער קולטור־בויער און טריבון פון די יידישע מאַסן, זייער באַגייסטערער און טאָן־געבער — דאָס מוטיקע און טרייסטנדיקע וואָרט זיינס, דאָס אויפפאָדערנדיקע און מאָנענדיקע האָבן מיליאָנען געטראָגן אין זייערע הערצער און אין זייערע מיילער — —און יעצט אז דער שטול איז ליידיק, אז דער רבי איז נישטאָ, אז דער וואָס זאָל לערנען און ווייזן איז אוועק, אז דער וואָס זאָל אויסטייטשן, איינחזרן הייליקע ווערטער, אותיות און רמזים איז ניטאָ, טאָ וואָס העלפן דעמלט די אַלע שענק מיט ביכער מיט געזאַמלטע ווערק; אז ער „באָנטשע" איז נישטאָ מער, אז ער איז פאַרמענצעט געוואָרן און געשטאָרבן, ווער וועט טראָגן די אַלע שאַפעס מיט ספרים אין די קעלער שטובן אריין?

זיי, וואָס האָבן געפרעגט די שאלה, האָבן פאַרגעסן, אז נאָך גרויסע פּערזענלעכקייטן בלייבט נישט ליידיק דער שטול. — אַרום באָנטשעס שטול שטייען מלאכים ווי אַרום כסא הכבוד, כביכול!—ער וועט ווירקנדיק וואַקואום;

דער נאָמען בלויז איז ווירקנדיקע טאַט, אחריותדיקער רוף, וועקנדיקער טרייסט.

אַן ענלעכן פּאַראַלעל האָבן מיר אינם שאַפן פון אונזער עבר!

מעגלעך, אַז ישעיהו איז אַ גרעסערער סטיליסט; ירמיהו און יחזקאל — בילדלעכער; אָבער אליהו איז די פּערזענלעכקייט פון די נביאים! ווייל ער איז געווען דער מאַן פון די טאַט, דער אויסגעקאָכטער צווישן די מאַסן אין דער שעה פון נויטיקער הילף און טרייסט, פון וועקנדיקן בטחון און פון בלוטיקן אויפברויז. און ווען ער ווערט אַוועקגענומען אין הימל אַריין און זיין וואָרט נעמט אויף זיין תלמיד, אָבער אויף זיין געבליבענעם, אויף זייז כסא של אליהו ווערן מיר אַלע געיידישט. און אין די נאַכט פון פסח שטייט זיין שטול אין יעדער יידישער שטוב און זי איז פול מיט אים ווי דער איבערגייענדיקער כוס של אליהו.

און דערפאַר ווייל י. ל. פּרץ, — דער גאָלדענער מיטל-רינג פון **אונזערע** קלאַסיקער! — איז געווען דער פאַרבינדער צווישן עבר און עתיד, דער באַנייער פונם „והשיב לב אבות על בנים", דער בויער פון אונזער מאָדערנער קולטור, און איר טרעגער, דער אויסגעבונדענער מיט דער קומנדיקער יוגנט, מיט די מאַסן, נישט נאָר „געשאַפן" באַשריבן דעם עמך־טיפּ, נאָר אים גופא דערהויבן צו דער פּערזענלעכקייט, אים גופא געמאַכט צו מענטש פון טאַט, דעם טרעגער פונם עול פון יידישער אחריות; דערפאַר אין אונזער וואַנדערונגען, אין אונזער נע־ונדקייט איז ער אומעטום מיט אונז; דערפאַר איז אין יעדן נייעם קיבוץ גליות וואו מיר אָרדנען זיך קוים, דער נאָמען פּרץ דער רוף צו גייסטיקער פאַרבינדונג, צו קולטור טאַט, צו שעפערישער אחריות. זיין שטול איז נישט ליידיק געבליבן. אין הונדערטער יידישע שולן שטייט זי וואו טויזנטער קינדער ווערן געיידישט מיט יידישן גייסט, מיט קולטור, מיט יידישער אייביקייט.

און צומאָל מיר דאָ, אינם אָרעמסטן פון אַלע ישובים אינם פאַרלאָזטן און גייסטלאָזנסטן פון אַלע יידישע קיבוצים, וואָס מיר האָבן נאָך אפילו נישט דעם כוח איין יידישע שול אויסצוהאַלטן, (וואָסער ערגערן אַטעסטאַט קאָן זיך אַ יידישער ישוב שוין אויסשטעלן?....) האָט דער ערשטער געפייערטער יאָרצייט טאָג פון י. ל. פּרץ, — אַזוי פּראָסט און הייליק ווי ביי **עם־אַרצישע** שול יידן דאָ דער טאָג פון אַ יום־טובדיקן מזכיר נשמות זיין! —אונז צוזאַמענגענומען און פאַרבונדן צו דעם קליינעם ביסעלע יידישע קולטור־אַרבעט מיט וועלכן מיר גייען אָן, מי־פול אין שווער, אָבער שבת יום־טובדיק און געהויבן ווי עס פּאַסט פאַר יידן וואָס גערענקען דעם נאָמען י. ל. פּרץ.





## א טאָג

שבענו בבקר חסדך.. שמחנו כימות עניתנו שנות ראינו רעה....
תהלים צ.

ס'איז פרי, ס'איז פרימאָרגן, די זון האָט זיך נאָרוואָס באַוויזן,
די שיין אויף די דעכער איז פריש, ווי די שאָטנס די ערשטע.
אויף חסד זיך בעטן, אויף רחמים איז גוט בין־השמשות —
אַזוי איז געשריבן אין אַלטע אין גאָר אַלטע ספרים.
איך האָב ניט געבעטן, נאָר כ'פיל אַז אויף מיר האָט געגידערט
דער חסד, וואָס דורות פאַר מיר האָבן כשר פאַרדינט אים.
איך נעם אים מיט ציטער און וויל אים, קיין האָר ניט געמינערט.
דערלאַנגען די דורות, וואָס גייען, וואָס וועלן ערשט קומען....

פיל טעג, ערשט ניט לאַנג, זיינען פול געווען שטענדיק מיט ליידן,
פיל בייז האָבן אונזערע אויגן געזען אָט די יאָרן,
וואו נעמט מען די פרייד, וואָס זאָל אונזערע הערצער פאַרוועבן,
וואָס זאָל אונז די כוחות די רעשטלעך פאַרמערן, פאַרשטאַרקן!....
פאַרנויג איך מיין קאָפּ, און מיין וועזן פאַרטיפט איז אין הערן,
ווי ס'נידערט דער חסד דערווייל נאָך אויף די דלות אמות,
וואו איך זיך געפינען אין די רגע'ס פון קלאָרן פרימאָרגן
ט"ז אין אייר, תש"ו, לויט דער יידישער ציילונג.

אין קיעוו אויף לענינער גאַס דעם הויז פון די שרייבער
געפין איך זיך איצטער, פון צייט און פון רוים אָט די צייכנס
אין גרויסן אין־סוף זיינען פונקט אַזוי גרויס און באַדייטנד,
ווי יענער באַלאָן מיט די מוסטערן פון אונזערע שטיינער
אַ זכר פאַרגראָבן אויף צייטן אויף ווייטע, ווי יענע
פאַרחתמטע תבה מיט אַלבערט איינשטיינס אַ צוואה,
וואָס רוט דאָרט אין טיפעניש אין די פאַראייניקטע שטאַטן —
קומט אויס, אַז איך אַרבעט מיט אַלבערט איינשטיינען געמיינזאַם!

אַ, וואָס איז באַדינגלעכקייט האָב איך באַ אים זיך געלערנט,
זיין נאָמען אַמאָל שוין דערמאָנט אין אַ ליד אים געווידמעט.
דערפאַר איז מיר לייכטער געווען ניט איין ווידערשפּרוך לייזן,
און איינהייט און אייניקייט מיינע מיט פעסטקייט פאַרהיטן....
איך שיק אים מיין האַרציקן גרוס און עס גלוסט זיך מיר גלויבן,
פירעקיקע אותיות זעען אים אוים היינט גאָר היימיש.
מיין אייניקייט־גרוס כ'שיק פון קיעוו אין ליכטיקע שעהן,
ווען ס'דאַכט זיך: נאָך „בוקר" מ'קען דאָ דערקלערן „יום־אחד"!

## משה עובד

# די שווארצע גבורה פון גאלדענע בריליאנטן

(פון דער סעריע איבערלעבענישן)

מיינע עלטערן און אור-עלטערן האבן ניט געדארפט קיין בריליאנטן צו שטארקן זייער גלויבן, אבער זינדיקער איך האב עס לײדער יא געדארפט. אבסטראקטע נסים ונפלאות און טיאלאגישע ארגומענטן זיינען ניט געווען בכח צו פארשיכורן דעם ריין קריסטאלענעם קוואל פון מיין שכל.... איך האב געמוזט האבן קאנקרעטע אותות ומופתים, וועלכע מ׳קען ממש אנרירן מיט די הענט.

און ווען די צייט האט זיך דערשלאגן צו 1923, און איך צו אביסעלע קאפיטאל, האב איך זיך געקויפט א געלבען בריליאנט פון 66 קאראט, ד.ה. אזוי גרויס ווי די גרויס פון א קלעצל צוקער, כדי ער זאל שטארקן מיין אמונה! און גלייך ווי איך האב אים אריינגעבראכט אין מיין קלארן ניכטערן שכל, איז דער לעצטער געווארן פארשיכורט און פארבלענדט און ניט געקאנט מיר מער שטערן מיין הארץ אין איר שליחות פון פילן, ציטערן און גלויבן. אזוי ווי א קליין דימאנטל שניידט גלאז, אזוי האט ער פאר מיר געשפאלטן די פינסטערע פעלזיקע ערד, געמאכט פאר מיר א קריעת־הארץ און מיר געוויזן מיט טויזנטער שטראלענדע פינגער אז אויך טיף אין דער ערד שיינט ז י י ן געטלעכקייט. דער דארן ברענט זיך אײם על־פי טבע, א ליאדע ווינטל בלאזט אוים ס׳אויל־לעמפל, א „פארכעוואט“ וואלקנדל קען אויסלעשן א שטערן, א זון, אבער מאמע ערד׳ס נר תמיד לויכט אייביק.

און זייט דער בריליאנט האט מיר דאס אלעס מגלה געווען פיל איך א יראת־המקום וואו איך זאל ניט שטיין; א פארוואונדערטער, באגייסטערטער וואו איך זאל ניט גיין.

און זייט דאמאלט 1923 ביז היינט 1947 קען איך שוין ניט ליכטיק לעבן, אן כאטש איין גרויסן גאלד־געלביקן אריסטאקראטישן נאבעלשטיין אין מיין פערזענלעכן באזיץ.

אמת, איך האב פיל קליינע דעמאקראטיזירטע בריליאנטלעך און דימאנטלעך, אבער זיי ווינקן נאר צו מיר שוואכלעך מיט צעטומלטע רמזים ווי זיי וואלטן אליין נעבעך ניט געוואוסט ווי זיי זיינען אויף דערוועלט, אבער קלארע אפענע דבורים רעדט נאר דער גרויסער בריליאנט; ער לויכט און מאכט לויכטן, ער ווייס ניט פון קיין שקיעה און מאכט אויך ניט וויסן דערפון!

קענט איר דאך, חלילה, מיינען, אז זיין כישוף־קראפט ווירקט נאר אויף מיר, מאכט איר, מיטן גרעסטן רעספעקט צו אייך, א גוואלדאוונעם טעות!

הערט א מעשה, און אויב די איז א ניט איבערצייגנדע האב איך צענדליקער אנדערע מעשיות יא איבערצייגנדע!



עס איז געווען אין 1940, מיט א דיקן שניי האט זיך דעמאלט מאמע ערד באדעקט איר לייב, און די פארע פון איר אטעם האט פארשטעלט דעם קופערנעם זונען־קעסל איז אין אזא טאג צו מיר אין געשעפט אריינגעקומען א שיין ענגליש מיידל, אין די פריי־צוואנציקער, זיך צו קויפן עפעס א קליינקייט, א שטיקעלע צירונג וואס קען כאטש געבן א וואונק, א שמייכל.

איר פנים איז געווען כמעט שניי־בלאס, אירע האר — כמעט זוניק־גאלדיק, פארוואס „כמעט“, ווייל דער טרויער אין אירע אויגן האט אלעס אין איר פארטונקלט און זי דערציילט מיר אז איבער דער פארשאלטענער מלחמה האט זי פארלוירן איר „דזשאב“ (זי איז געווען אן אקטריסע און טענצערין). דערצו נאך פילט זי זיך קראנק און געקוועלט. און איצט איז איר ניט מער געבליבן ווי זיך אויסצוציען אויף דעם שניי און פגר׳ן ווי א הונט.

מיר האט גאר ניט געפעלן איר שטימונג, ווייז איך איר מיין גרויסן בריליאנט; מיין לאכער, קייכער און קנאקער, צו וועלכן איך האב געהאט צוגעטשעפעט א לאנגע, אנטיק גאלדענע שלאנגן־קייט דער שטערן זאל מיר ניט פון מיין הימל אוועקפליען. און זאג צו איר: „זע, זע וויפל ליכטיקייט איז באהאלטן אין דערפינסטעניש, אט דער שטיין קען א וועלט איליומינירן און באפליגלען יעדן אבר פון א מענטשן־קינד“.

און איך נעם זי ארויס אין מיטן גאס, לייג אוועק דעם אבן־טוב אויפן שניי און שלענגל ארום אים דעם גאלדענעם שלאנג. אין אירע אויגן צינדן זיך אן ווילד און זיי צינדן אונטער אירע פיס און איר גאנצן לייב אין לעבן. אירע האר צעפליאשן זיך שטראלנדיק און זי טאנצט ווי א געטשן דינער ארום און ארום דעם בריליאנט און קייט.

ווי פייגל זיינען מענטשן געקומען צופליען פון גאסן, ראגן, טירן און פענסטער, און דער טאנץ שטייגט און שטייגט, אין עם שפראצט ארויס דער פרילינג פון איר פנים און עס באווייזן זיך דארט רויטע רייפע בעקלעך ווי עפעלעך, ביז א פאליציאנט האט אונז צעשטערט די שמחה.

לײדער איז מיט אלע גלארייכע שמחות, זאכן און איבערלעבענישן פארבונדן און פארקניפט א סך טראגעדיע. און ווי דער גורל פונם ייד, גאלד און גאט איז אויך דער גורל פון בריליאנט!

עס שטארבן אוועק עטלעכע טעג (און קיינער ווייס ניט זייער קבר) קומט אריין צו מיר מיינס א פריינד, א יידישער דיכטער, ער לייגט אוועק אויף מיין ציילטיש א פעקל ליטעראטור זעלטן ריין און שיין איינגעפאקט און עס איז ארומגעבונדן מיט א גרא שטריקעלע, זער געשמאקפול. איך באטראכט ס׳פעקל גוט, ווייל טיילמאל איז די אויסערלעכע פארמע פון א פאקעטל אינטערעסאנטער ווי דער אינהאלט און באמערק אז עס איז אומגעפער צען צאל ביי זעקס און אז ס׳שטריקעלע איז פון איין שטיק! — און דאס איז א מערקווירדיקע זעלטנהייט און א פאקעטל פון א גלות־פאעט. — און איך וויצל זיך איבער פראפעסיאנעלע שרייבער און ער לאכט אוים מיין קראם מיט

שמאַכטעס. אין מיר ריידן איבערן רעטזל פון דעם טויט־שטילן מלחמה־צושטאַנד פון יענער צייט און מיר זיפצן דערמאָנענדיק פוילן, און דער דיכטער גייט אַוועק.

עס דויערט ניט עטלעכע רגע'ס, שטייט שוין ביי מיין ציילטיש אַן ענגלישער ייד, וועלכן איך זע ס'ערשטע מאָל. ער פרעגט מיך צו איך האָב אַ גרויסן ברילִיאַנט צום פאַרקויפן. קווענקל איך זיך. מאַכט ער, „ווייזט מיר דעם שטיין, אַ שיקסע מעג אים זען, די גאַנצע וועלט מעג און איך ניט ?... ווייזט ! איך וועל אים ניט אויפעסן !“

איך באַטראַכט דעם פאַרשוין, ער איז מיר עפּעס ניט צום האַרצן. אינדעם דערזע איך אַ פּאַקעטל אויפן ציילטיש, געניי אויפן זעלבן פּלאַץ און געניי די גרויס פון דיכטערס פּאַקעטל, כאַפּ איך עס און וויל נאָכלויפן אים עס אָפּצוגעבן. שרייט דער ייד אויס אַן איבערשראָקענער : „וואָס טוט איר ? ! עס איז דאָך מיינס !“ און איך זע טאַקע אַז דאָס ברוינע פּאַפּיר איז אַלט און צעקנייטשט ווי ס'פּנים פון דעם יידיש־ליינער וואָס איז אונז נאָך געבליבן און דאָס שטריקל האָט אַ סך מאָרנע קניפּן ווי אַ פּסולע ציצה. ענטשולדיק איך זיך פאַר אים אָבער ער טרעט ניט אָפּ : „נו, ווייזט מיר שוין דעם שטיין, וואָס האָט איר מורא ? איך בין דען אַ גנב ? איך בין דאָך אַ מעמבער אין אַ סינאַגאָג“.

איך האָב אים ניט דערקלערט אַז די העלדישע ברילִיאַנטן האַלט איך אַזוי לאַנג ביז איך געפין אַ זעלטענעם קונה, אַן אַנטיק ! וואָס האָט דעם שטיין אַזוי ליב ווי איך נאָר וויל מיר צאָלן נאָך מער ווי איך האָב באַצאָלט. דאָס האָב איך אים ניט דערקלערט, איז דער געראַנגעל געווען אַ שווערער און אַ לאַנגער. ענדלעך האָט ער אָבער מיך גובר געווען און איך האָב אָפּגעטשעפּעט דעם שטיין פון דער קייט און אים דעם שטיין געוויזן. טראַכטנדיק זיך, עס זעט דאָך אויס אַ קבצן אָן געלד און אָן געשמאַק. דאָס געשטאַלט פון פּאַקעטל איז דאָך דער בעסטער עדות, ער וועט דאָך סיי ווי ניט קויפן, טאָ וואָס אַרט עס מיך וואויב ער וועט דעם שטיין זען ?

ער באַטראַכט דעם שטיין מיט אַ ליופּע, צי ער איז גוט געשליפן און צי ער האָט אַ פּגימה, אַ סירחה און פרעגט : „וויפל צום ביישפּיל ווילט איר פאַר אים ?“

טראַכט איך זיך, ער האָט דאָך זיכער ניט קיין געלט, און אַ טשעק וועל איך דאָך ניט אַקצעפּטירן פון אים טאָ וואָס אַרט עס מיך, אויב איך וועל זאָגן אַ פּרייז ? און גיב אַ שאָס אַרויס : צוועלף הונדערט פונט !

מאַכט ער : „הערט אויס מיסטער עובד, איך האָב אויף אים אַ קונה ער איז אַזוי גוט ווי פאַרקויפט. באָרגט מיר דעם שטיין אויף נאָר דריי טעג, איך וועל אייך איבערלאָזן אַ משכון זיין פולן ווערט“.

טראַכט איך זיך ער האָט דאָך זיכער ניט וואָס איבערצולאָזן פאַר אַ משכון, טאָ וואָס אַרט עס מיך אויב איך וועל זיין איינשטימיק מיט אים ? און זאָג „אָלרייט“ !



זאָגט ער „אָלרייט איז אָלרייט ! אָט דאָ האָט איר דאָס געלט“. און ער רוקט מיר צו דאָס פּאַקעטל אויפן ציילטיש, און זאָגט, „ציילט איבער !“

איך עפן דאָס פּאַקעטל און עס ליגן זיך צוזאַמענגעפּרעסט צוועלף קליינע פּאַקעטעלעך, ווי די צוועלף שבטים־און קליינעם ארץ ישראל (ווען זיי האָבן נאָך געלעבט בשלום צווישן זיך), און יעדעס פּאַקעטל עטנהאַלט פינף הונדערט פּאַפּירענע פונטן, און יעדעס פונט איז אונטערגעשריבן און גאַראַנטירט פון הויפּט קאַסירער פון דער באַנק אָף ענגלאַנד.

ביים ייד איז דאָס אַלעס געווען נאָרמאַלע זאַכן, אָבער ביי מיר איז דאָס אַלעס געווען נסים מן השמים.

איך גיב אים דעם ברילִיאַנט אין רעד מיט אים אויס, מינדלעך און שריפטלעך, דאָס אויב ער קומט צוריק אין פאַרלויף פון די דריי־טעג, קריגט ער די זעלבע 1200£ צוריק, און אויב שפּעטער, איז דער שטיין אַ פאַרקויפטער. און איך רעד מיט אים אויס מינדלעך און שריפטלעך, אַז דער פּרייז איז נעטקיינע רעדאַקציעס ! ער איז מסכים צו אַלעם און ער שווערט ביי זיין לעבן אַז ער איז ערלעך. ער שווערט ביי זיינע קינדער אַז ס'איז כשר־געלט ! און ער שווערט ביים אַלמעכטיקן אַז ער ברעכט קיינמאָל ניט זיין וואָרט. און ער ייט אַוועק מיט מיין פּלאַנעט אין אַ בוזעם טאַש פון זיין פּאַלטן.

עס שלעפּן זיך פאַרביי דריי מחה־שחורהדיקע טעג און נעכט, מיר איז חושך מצרים !

מיינע הענט האָבן הונדערטער שיינע זאַכן צו ווייזן מיינע אויגן, אָבער מיינע אויגן האָבן פאַרלוירן אַפּעטיט פאַר יעדער זאַך, זיי בענקען און חלומען נאָר פון דעם ברילִיאַנט, און די קייט. נעבעך, ליגט איינגעקורטשעט מיטן פּנים צו דער וואַנט ווי אַ ברוגזע פאַרליבטע וואָס וויל ניט קוקן אויף איר געליבטן.

כמעט ביי דער ענדע פון די דריי טעג קומט ער צוריק מיטן שטיין אין האַנט, באַפּאַלט מיך אַ פרייד און לויף צו דער קאַסע אַרויסצונעמען זיין געלט. זאָגט ער, „פרייט אייך ניט אַזוי שטאַרק ! ער איז שוין פאַרקויפט !“

— נו, — פרעג איך ביַיזלעך, טאָ וואָס ווילט איר איצט ? איר ווילט אפשר די קייט אויך ? אָ, ניין ! דאָס קיינמאָל ניט !

לאַכט ער : ווער וויל אייער קייט ? צו וואָס טויג מיר, צום טייוול, אייער קייט ? איך בין געקומען איר זאָלט מיר אַראָפּלאָזן פון דעם פּרייז.

זאָג איך מיטן גאַנצן ערנסט, איך האָב נאָר געקאָנט קאָנסאָלידירן — איך בעט אייך שלאָגט עס אייך אַרויס פון קאָפּ !

מאַכט ער : „איר וועט ניט אַראָפּלאָזן כאָטש 50 פונט ?

— ניין, ניט פּיפּצוג פּענעס !

— און ניט אַממינדסטן 25 פונט ?

— ניין, ניט איין פּעני ! דאָ האָט איר אייער „כשר געלט“ און גיט מיר צוריק מיין שטיין ! און אַן עק מיט אַרגומענטן !

דער ייד זעט אַז איך רעד מיט אַ דינאַמיש פּיסק ווי אַ געבוירענער סוחר, זאָגט ער צו מיר אויף יידיש מיינע ענגלישע אָנגעשטעלטע זאָלן ניט פאַרשטיין, און דאָס פאַרשטעלט ער נאָך מיט אַן אָפענער האַנט די זייט פון זיין מויל זיי זאָלן ניט הערן: „אַ חרפה און אַ שאַנד! אַ ייד זאָל גאָרניט אַראָפּזאָגן! ביי מיין „לייף" כ'האָב נאָך ניט געהערט „סאַטש אַ טהינג"! אַ משומד וואָלט אַזאַ זאַך ניט געטון! אַ גוטן טאָג!"

ער איז אַוועק מיטן בריליאַנט און מיט אַ קלאַפּ אין טיר. ווי פּאַסקודנע איך האָב זיך געפילט קען זיך דער באַלעזענער לעזער אַליין פאָרשטעלן. איך האָב זיך געשעמט צוקוקן מיינע אויגן אין זייערע פּנימלעך אריין....

טרייסט האָב איך אָבער ענדלעך געפונען אין דעם נס, וואָס פון פּאַקעטל געלט איז מיט דער צייט געוואָרן אַ גאַנצער באַרג פון ליטעראַרישע פּעקלעך, און ס'איז מיר נאָך געבליבן גענוג צו קויפן אַ נאָך גרעסערן בריליאַנט.

נו, גיי און גלויב ניט אין דער שוואַרצער גבורה פון גאָלדענע בריליאַנטן.

## יצחק ווינער

# לידער

### אַ תפילה

דאָס מיאוסטע פון מענטשלעכן מין
האָסטו גאָט געהאָדעוועט, גענערט,
ס'זאָל דאָס שענסטע פון דיין פאָלק
מיט בלוט באַפּר:כפּערן דיין ערד.

אַז דאָס שלעכטסטע פון דער וועלט
זאָל שענדן קינדער אין דיין שטוב,
ס'זאָל בלוט־דורשטיקער געשפּענסט
נאָכן הוליען — וואַרפן זיי אין גרוב.

די ווילדסטע פון מענטשלעכן מין
האָסטו גאָט געגעבן כוח און מוט,
גרויזאַם געטראָטן דיין גוטהאַרציקייט —
געבאָדן זיך נ'דיינע קינדער'ס בלוט.

אַז דאָס ביטערסטע פון עקלדיקן שרעק
זאָל פאַר'סמ'ען זיסער ר:איקייט פון מענטש,
ס'האָט פינסטערניש דיין ליכטיקייט פאַרשטעלט....
גאָט! מיט דיינע ברכות, האָסטו זיי געבענטשט.



דיין גליק איז אין פּיין פאַרוואַנדלט,
פון חיה האָסטו מענטש געמאַכט,
מאַמעס־וויי און קינדער־קרעכץ, —
איז געוואָרן פון דיין שיינער שפּראַך.

ס'טראָגט דער פּחד אַ חלף צווישן ציין,
האַק און שטריק אויף דער ערד שפּאַצירט.
גאָט! דיין באַשאַף טריפט מיט הייסן בלוט,
דיין בית־המקדש איז מיט טויטן־קעפּ באַצירט.

נאָך וויפל בראַנדן דאַרף אַדורכגיין אונזער פאָלק,
אַז האָבן ס'זאָל אַן אייגן ליכטיק הויז?
ס'זאָלן דיינע קינדער זויגן מאַמעס ברוסט
און טאַנצן אין די אָוונט'ס, א:יפן טאַטנ'ס שויס.

### אַנדענק

זעקס מיליאָנען פלעמעלך, האָבן מיר היינט אָנגעצונדן,
די וואָכיקייט אַראָפּגעוואָרפן, שטייען מיר מיט אַנטבלויזטע וואונדן,
און סטוט ווי אַזוי די וואונד, שניידט יסורים'דיק יעדן מיט אַ מעסער,
קאָרטשעט זיך דאָס האַרץ, פלאַצן וויל, ווערט קלענער און ווערט גרעסער

וויפל האָבן מיר באַצאָלט פאַר אונזער ביסל אָרעם לעבן,
אַלדאָס שענסטע פון אייביק־בליענדיקן שטאַם — דעם טייוול אָפּגעגעבן
וואָגלען מיר אַצינד אויף אַלע פרעמדע, גליענדיקע וועגן,
און מיט מענטשלעכער באַגריסונג, קומט אונז קיינער, נישט אַנטקעגן.

אויסגעוויינט מיר האָבן אַלע לעצטע, לעצטע טרערן
אינדערשטיל, קיינער ניט — בלויז די קדושים זאָלן הערן,
שמידן מיר אַ האַרץ פון אונזערע אַנטבלויזטע וואונדן,
טראָפּנ'ס בלוט פאַרגאָסענע, האָבן פאַקלען אין דער פינסטער אָנגעצונדן.

### אין וועג

מיר גייען אויף באַרגיקן שטיינערנעם וועג
מיט צאַפּלענדן שטומען געזאַנג,
אַרום ליגט אַ שטילע, אַ שווייגנדע נאַכט —
פאַרשלינגט אונזער טראָט, א:נזער גאַנג.

שלענגלט זיך סטעזשקע אַרויף און אַראָפּ,
גייט באַרג אונז, גייט טאָל אונז אַנטקעגן.
גוט איז די נאַכט, שטיל איז די נאַכט —
מיר ווייסן, מיר קענען די וועגן.

דורך אורוואַלד געדיכטן מיט ברי־גראָז באַדעקט
זיכער און אָפּשטעל מיר שפּרייזן.
גייען חלוצים צו האַרציקער ערד —
מיט ווילנ׳ס געשמידטע פון אייזן.

אַדמאָנט, עסטרייך, פעב. 1947

## נחום שטענצעל

# יציאת מצרים — די נויט פאַר אַן אייגענער סביבה
(פּאַראַלעל)

גאַנצע 430 יאָר האָבן זיך יידן געלעבט אין גלות־מצרים; נישט געווען קיין ברעקל אַנדערש ווי אַלע אַנדערע שפּעטערדיקע גלותן. דעם ערשטן אימיגראַנט, יוסף׳ן — אַ יונגן, שיינעם קרעפטיקן בחור האָט דער עגיפּטישער „האָם־אָפּים“ באַוויליגט אַ „פּערמיט“ אַלס אַ „דאָמעסטיק“... ער האָט זאָגאַר באַקומען אַ „ג׳ד האָם“, און איידער וואָס ווען האָט ער עולה־לגדולה געווען און געוואָרן אַ שני־למלך און שפּייז־מיניסטער.

*   *   *

„עולם כמנהגו נוהג“ — אַז אַ ייד עמיגרירט, און עס גייט אים נישקשה נעמט ער אַריבער זיינע נאָנטע קרובים, זיי נעמען ווידער אַריבער זייערע, און איידער מען קוקט זיך אַרום זענען שוין אין לאַנד אַריבער אַ האַלבער מיליאָניקער ישוב. און אַז אונזערע יידלעך געפינען זיך אין גלות אין אַ גרעסערער צאָל, שאַפן זיך שוין פאַרשיידענע פּאַרטייען, ריכטונגען און באַוועגונגען. און די קינדער פון די ערשטע אימיגראַנטן, די „איינגעזעסענע און אויסגעגעסענע“, די עגיפּטישערע פון אַלע עגיפּטער, שיידן זיך אָפּ פון די נייע אימיגראַנטן, די „פּאָרענערס“.

זיי די אַלטע איינגעזעסענע אימיגראַנטן זיצן זיך שוין אין גושן און עס פעלט זיי פון גאָרנישט; זיי האָבן אפילו ווייס מעל ווען גאַנץ מצרים קריגט בלויז שוואַרץ ברויט אויף „רעשנס“. און דאָרט אין גושן איז זאָגאַר ליכטיק, ווען אומעטום איז חושך־מצרים....

*   *   *

און טאָמער שאַפט זיך ביי די נאָך יידיש־פילנדיקע מאַסן, אין אַזאַ גלות־לאַנד, אַ נאַציאָנאַלע באַוועגונג וואָס זוכט אויפצוהאַלטן מיט אַלע מיטלען



די יידישע אייגנאַרט מיט יידישע קולטור און מנהגים — „שלא שנו את לשונם“ — און האַלטן וואַך ביים פאָלק דעם חלום פון פרייהייט און צוריקקער אין דער פאַרלאָזענער היים, דאַן געפינען שוין די איינגעזעסענע זייערע אַגענטן־פּראָוואָקאַטאָרס, די דתן ואבירם׳ס וואָס צאַטעווען אין שטייען גרייט צו פאַר׳מסר׳ן יעדן יידישן פירער.... און אים נאָכשפּירן זיין יעדן טריט און שריט. די דתן ואבירם׳ס, זיי פעלט פון גאָרנישט; נישט זיי זענען עס די וואָס מוזן אַרבעטן „בחומר ובלבנים“, און מיט שוויים און בלוט אויפבויען פּתום ורעמסס; זיי לעבן משמני הארץ, און קענען קיינמאָל נישט פאַרגעסן די קאַרפּן־פיש פון דעם טייך נילוס, וואָס פלעגן פעט ווערן פון די אַריינגעוואָרפענע יידישע קינדערלעך....

די דתן ואבירמס אין יעדן גלות־לאַנד זענען על פי רוב, פּיפּיקע, ראַפּינירטע חברה־לייט; זיי טראַכטן צו זייער אַרבעט לויט אַ פּלאַן, און דער עיקר קאָ־אָפּערירן זיי מיט דער ממשלה און האָבן צו זייער דיספּאָזיציע גענוג פאָנדן. זיי ווייזן אָן, למשל, אַז פּרעה אָיז גאָרנישט קיין שלעכטער; אַז זיינע געזעצן זיינען גאָרנישט געוואָנדן ספּעציעל קעגן יידן; בכן, ער האָט נאָך אפילו קיין ריכטיקן פּאָגראָם קעגן זיי נישט געמאַכט.... דאָס געזעץ איז שטרענג קאָנסטיטוציאָנעל, אפילו די גזירות זיינע זענען אין אַלגעמיין, קעגן אַלע בירגער — „כל הבן הילוד היאורה תשלכוהו“ מיינט מען אַלע קינדער אָן אונטערשייד, — האָט געטייטשט דער לובלינער רב ז״ל, בלויז די בעאַמטע, די אַדמיניסטראַציע, האָבן אינטערפּרעטירט: „כל הבן“ דאָס מיינט מען יידישע יינגלעך — נו, איז וואָס? בנוגע דעם וואָס מען קען נישט פאַרלאָזן די גרעניצן פון מצרים אָן אַן „עקסיט־פּערמיט“ — טענהן ווייטער די עגיפּטישע יאַהודים, די דתן ואבירם׳ס — מאי כולה האי? וואָס איז דאָס געשריי? אַז מצרים איז אין אַ נויט־לאַגע, אַ „סטעיט אָף עמערדזשענסי“, מוז מען שאַפן אויסנאַמס־געזעצן, מוז מען קאָנסערווירן אַרבייטס־קרעפטן („מען־פּאַוער“), זיי נישט אַרויסלאָזן פון לאַנד, און שאַפן אַרבייטס־באַטאַליאָנען („דיירעקטעד לעיבאָר“)....

אָט אַזוי האָבן די דתן ואבירם׳ס אויפגעוויזן, שוואַרץ אויף ווייס, אַז יידן גייט עס גאָר גוט אין מצרים און זיי האָבן קיין שום סיבה נישט צו „גראַמבלען“....

*   *   *

מען האָט שוין דעמלט, אין אַזאַ צייט, ווען דער יידישער ישוב אין מצרים איז שוין כמעט געווען פאַרזונקען אין דער אַסימיליאַנטישער בלאָטע — אין די מ״ט שערי טומאה — געמוזט האָבן אַ מנהיג פונם קאַליבער, ווי עס איז געווען משה רבינו, דווקא אַ ייד וואָס האָט געקענט די עגיפּטישע מענטאַליטעט, נישט קיין כבוד־זוכער, אַ כבד־פה, נישט קיין רעדנער מיט רעטאָריקס, אַרויסצורייסן די יידן פון טאָטאַלער אַסימילאַציע און זיי אויפווייזן די נויט־

וועגדיקייט פאַר אַן אייגענער יידישער סביבה וואָס קען סוף כל סוף נאָר געשאַפן ווערן אין אַ יידיש לאַנד....

ס'איז משה'ן נישט געווען לייכטער דאָס צו איבערצייגן זיינע אייגענע ברידער, ווי פּרעהן, וועלכער האָט דאָס דווקא יאָ געוואוסט....

*　*　*

יאָ, וואָס עס איז אַ יידישע סביבה, אַ ריכטיקע ווי מ'קען ציען דעם שורש ווייטער און ווייטער, האָט דווקא דער עגיפּטיש-דערצויגענער משה גוט געוואוסט; ער האָט אָבער אויך גוט געוואוסט, דער גרויסער, יידישער פירער פון אַלע צייטן, אַז ס'יידישע פאָלק מוז זיך פריער לייטערן און טובל זיין פון דעם אָנגעזאַמלטן באַלאַסט פון אסימיליאַציע צווישן פרעמדע פעלקער, איידער עס באַקומט די הכשרה צו אַן אייגן לאַנד; עס מ:ז פריער אַרויס פון די מ"ט שערי טומאה, פון דער עם־האַרצישקייט און זיך שאַפן אַן אייגנאַרטיקע קולטור בכדי גייסטיק־פרוכטבאַר צו מאַכן די אייגענע ערד און זי נישט פאַראומרייניקן מיט די „כל התועבה אשר עשו במצרים".

משה האָט טאַקע דערפאַר איינגעזען אַז איידער ער קען די יידן פירן אינם צוגעזאָגטן לאַנד אַריין מוז ער זיי פירן 40 יאָר אַ:יפן וואַנדער־וועג, דורך דער מדבר; נאָר אין דער מדבר איז עס מעגלעך געווען צו דעסינפיצירן, רייניקן און טובלען די פון עגיפּטישע אסימיליאַציע, אינפיצירטע יידן; 40 יאָר ריינע מדבר־לופט האָבן די יידן געברויכט בכדי צו פאַרלירן יעדן שמץ פון פרעמדע השפעה; זיך שאַפן אַן עכטע ריינע יידישע סביבה וואָס האָט זיי פעאיק געמאַכט אויסצובילדן און ענטוויקלען אַ ספּעציפיש־יידישע, פאָלקסטימליך־עכטע און געטלעך־געהייליקטע ק:לטור — אַז עס זאָל זיין „וחי בהם"; אַריינצוקומען קיין ארץ־ישראל האָבן יידן שוין געמוזט מיט זיך עפּעס מיטברענגען און אָפּשאָקלען פון זיך דאָס פרעמדאַרטיקע, נישט יידישע פּ:נם גלות.

## ש. זאלקין

### פסח צייט

גענקומען די גויאישע פּאַסכע
די צלמ'ס :עם גליען פון האַס
אין שולן עם זיפצן די טאַטעס
און שטיל ווערט די יידישע גאַס.

דער טאַטע דערציילט אונז געשיכטן
בלייבט אומעטיק זיצן פערטראַכט
די גלאָקן עס הויבן אָן קלינגען
און אימהדיק ווערט מער די נאַכט.



## קייטי בראון

# דער צעשטערטער סדר

(דערציילונג פון לאָנדאָנער לעבן)

מיט אַ צעבראָכן האַרץ און אָנגעשטרענגטע נערוון, זיצט דער אַלטער, מיסטער גאָלדמאַן אויפן הסיב־בעט און וואַרט אויף זיין איינציקן זון, זיין בן־יחיד, מיט אים, כדי זיך צ: נעמען אָפּריכטן דעם סדר. מיסטער גאָלדמאַן געפינט זיך, זייט די לעצטע פּאָר יאָר, אין אַ קראַנקן צושטאַנד, און ער האָט געמוזט אויפגעבן זיין אַרבעט, צוליב זיין שוואַכן געזונד. דאָס האַרץ זיינס איז נישט אין אָרדענונג, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, און ער מוז לעבן רוהיק, ניט זאָרגן און זיך ניט אויפרעגן.

עס וואָלט אים זיכער אויסגעקומען צו בעטן הילף ביי צדקה-אַנשטאַלטן א:יף זיינע עלטערע יאָרן, פון וועלכע ער האָט זיך אויסגעהיט דאָס גאַנצע לעבן, ווען ניט זיין גוטער און טרייער זון סידני, וועלכער פירט אָן אַ געשעפט פון פרויען קליידער, און האָט זיך דערשלאָגן צו אַ הויכער פּאָזיציע.

יעדע וואָך גיט סידני זיין מאַמען, היבשע עטלעכע פונט אויף פּרנסה, בעט איר גוט אויפצופּאַסן אויפן קראַנקן פאָטער, און א:יב עס וועט איר אויספעלן נאָך געלט, זאָל זי אים זאָגן, וועט ער איר געבן מיטן גרעסטן פאַרגעניגן.

טראָץ דעם, קומט ער קיינמאָל נישט אהיים מיט ליידיקע הענט. שטענדיק ברענגט ער פרעזענטער פאַר דעם טאַטן, פאַר דער מאַמען, ער זשאַלעוועט נישט קיין געלט, זאָל עס קאָסטן ווי טייער.

אזוי האָבן זיך די גאָלדמאַנס געלעבט, שטיל, רוהיק און צופרידן, געבעטן ביי גאָט אַ גוטן מזל פאַר זייער קינד און אביסל נחת פאַר זיך.

נאָר די לעצטע עטלעכע וואָכן, איז פאָרגעקומען אַ מאָדנע ענדערונג אין הויז. אַ מ:רא און אַן אונזיכערקייט האָט אַריינגעטראָטן, אין די גאָלדמאַנס רוהיגע היים.

נישט צוליב דער פינאַנציעלער לאַגע, ניין, אדרבא, לעצטנס האָט סידני געהעכערט דער מוטער די ווײדזשעס, און דעם פאָטער זיין קעשענע געלט, וואָס ער פלעגט אים געבן יעדער וואָך. אָבער, דאָס וואָס עס איז לעצטנס פאָרגעקומען מיט זייער זון, איז געווען פיל ערגער ווי חלילה אָנצוקומען צו בעטל־ברויט.

סידני, זייער שטאָלץ און טרייסט, זייער טריי און איבערגעגעבן קינד, וועלכער האָט נאָר געשטרעבט צו זען זיינע עלטערן גליקלעך א:ן צופרידן, האָט זיך שטערבלעך פאַרליבט און חתונה געהאַט געזעצלעך מיט אַ קריסטלעכער מיידל.

ביז אַ געוויסער צייט, האָט ער אין הויז, וועגן דעם גאָרנישט דערציילט,

ווייל ער האָט געוואוסט, אַז דאָס וועט ברענגען האַרצווייטאָג, עגמת נפש און טרערן, ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט האָבן אַ שטאַרקן קאַמף מיט זיינע רעליגיעזע עלטערן און דערפאַר האָט ער באַשלאָסן די ערשטע צייט צו שווייגן, און געהאָפט אויף אַ גינסטיקער געלעגנהייט ווען ער וועט קענען אַרויס מיט דעם סוד.

ער האָט זיך באַלד נאָך דער חתונה איינפאַרשטאַנען מיט זיין יונגער ווייבל, אַז די ערשטע צייט וועט ער נישט קענען זיין כסדר מיט איר, ער האָט פאַר איר געדונגען אַ פיינעם פלעט, אין אַ רייכער געגנט פון לאָנדאָן, פלעגט קומען צו איר צוויי דריי מאָל אין דער וואָך, און איר פאַרזיכערט, אַז עס וועט שוין לאַנג ניט נעמען, וועט ער זי אַריינפירן צו זיינע עלטערן אין הויז און דאָן, ווען זיי וועלן זיך שוין דערוויסן, וועט ער אָנפאַנגען פירן אַ נאָרמאַלן לעבן מיט איר. אַזוי זענען אַוועק עטלעכע מאָנאַטן, דערווײַלע האָט זיך גענומען דערנענטערן דער פסח.

סידני האָט נאָך קיינמאָל נישט פאַרפעלט צו זיצן ביים סדר, און פרעגן די קשיות, אַזוי ווי עס פירט זיך ביי יידן, אָבער היי־יאָר, האָט ער זיך געפונען אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט, אויך האָט אים זיין ווייבל גענומען פאַרווארפן, אַז זי האָט מיט אים ניט חתונה געהאַט, כדי ער זאָל זיצן מער ביי זיינע עלטערן אין הויז, ווי ביי איר. און ער האָט איינגעזען אַז זי האָט רעכט. ענדלעך נאָך אַ לאַנגן ישוב הדעת האָט ער געפאַסט מוט, און באַשלאָסן, אַז איינמאָל פאַר אַלעמאָל מוז דער סוד אַרויס, זיי מוזן וויסן דעם אמת. דאָך האָט אים אָנגעפאַנגען פלאָגן דער געוויסן ווען ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי אַזוי די בשורה וועט אויפגענומען ווערן. ער האָט זיך קיין עצה נישט געקענט געבן, און דערפאַר אַרומגעגאַנגען זער דערשלאָגן.

די מוטער איז געווען שטאַרק באַזאָרגט דערפון, און דער טאַטע האָט זיך ביי אים גענומען בעטן, ער זאָל אים זאָגן, צי איז ער אפשר חלילה נישט געזונט. אפשר דאַרף מען זיך באַראַטן מיט אַ דאָקטאָר. אָבער דער זון האָט אים פאַרזיכערט, אַז מיט אים איז גאָרנישט, ער איז פאָלקאָם געזונט.

אין אַ געוויסן אָוונט, פונקט אַ וואָך פאַר פסח, איז סידני אהיים געקומען פון געשעפט, מיט עטלעכע שעה פריער ווי געוויינלעך. ער האָט אָפּגעגעסן נאַכטמאָל, זיך געפרעגט אויפן פאָטער, וועלכער איז שוין אַוועק שלאָפן, דאָן האָט ער זיך אַוועקגעזעצט נעבן פייער, אָנגעשפאַרט דעם קאָפּ אויףביידע הענט, און זיך ערנסט פאַרטראַכט.

סידני מיין קינד, האָט זיך די מוטער צערטלעך אָנגערופן, גלעטנדיק זיין קאָפּ, עפּעס איז מיט דיר געשען, זאָג מיר דעם אמת, מיין קינד, דערצייל דער מאַמען דיינער, נעם מיר ניט אַרויס די נשמה.

זי האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ און אַריינגעקוקט טיף אין זיינע פאַרחלומטע אויגן, אפשר אַ ליבע מיין קינד, האַ, אַ מיידל, זאָג שעם זיך נישט נאַרעלע. . . .האָט זי גוטמוטיק געשמייכלט אים צו דערמונטערן.



אָבער סידני האָט נישט געענטפערט, ווי אַ טויטע שטילקייט האָט אויף אַ ווײַלע געהערשט אין שטוב, בלויז דער מאָנאָטאָנער טיק־טאַק פונם זייגער האָט זיך געהערט. ביידע זענען געבליבן זיצן פאַרטיפט אין געדאַנקען דער מוטערס האַרץ איז געווען שרעקלעך אומרוהיג, זי האָט אינסטינקטיוו געפילט, אַז באַלד וועט איר דער זון אָנזאָגן אַ שרעקלעכע בשורה, און זי האָט צוזאַמענגענומען אירע לעצטע כחות דאָס צו קענען אַריבערטראָגן.

ענדלעך האָט סידני דערפילט אַז איצט איז געקומען דער מאָמענט, אַרויסצורעדן וואָס דריקט אים אַזוי שטאַרק אונטערן האַרץ. ער האָט גוט געקענט זיין מאַמען, געוואוסט וועגן איר הייסער מוטער־ליבע צו אים. און ער איז געווען זיכער, אַז זי וועט אים מוחל זיין, זי וועט אים ניט מאַטערן, ניט פאַרשאַפן קיין ווייטאָג, חוץ דעם איז ער דאָך דער פרנסה געבער אין הויז, און פאַרזאָרגט זיי מיט אַלעם גוטן, און זי די מאַמע, ווייסט דאָס נאָך מער ווי דער טאַטע. דאָס האָט אים צוגעגעבן נייעם מוט. מאַמע, האָט ער געזאָגט מיט ליבשאַפט, זאָג מיר, האָסטו שוין אַלעם צוגעגרייט אויף יום־טוב? אָדער אפשר פעלט דיר נאָך וואָס?

יאָ מיין קינד, איך האָב שוין אַלעם וואָס מען דאַרף, אַ יום־טוב, וואָס צו גאָט הייסט, עס זאָל מיר נאָר נישט פאַרשטערט ווערן, האָט זי געענטפערט, שטיקנדיק די טרערן אין האַלדז. אַ דאַנק דיר מיין קינד, זי האָט אים צערטלעך אַרומגענומען, און אַ הייסן מוטערלעכן קוש געטון.

נאַ מאַמעלע, נאַ דיר נאָך עטלעכע פונט, אפשר וועסטו דאַרפן, עס איז דאָך נאָך אַ וואָך צו יום־טוב, האָט ער געזאָגט, און איר אַריינגעשטופּט עטלעכע פאַפּירלעך אין האַנט.

די מוטער האָט צוגענומען דאָס געלט, און אָן אָנגעשטעלטן צעפרידענעם שמייכל געטון. עס האָט געווירקט, האָט זיך סידני גראַטולירט און איז אַרויס מיט לשון. . . .

מאַמע, זאָג מיר צי אַז דו וועסט אויף מיר נישט ברוגז ווערן, וועל איך דיר עפּעס דערציילן.

איך האָב פאַרשטאַנען, מיין קינד, אַז דו האָסט מיר עפּעס צו זאָגן. מיין האַרץ שרעקט מיר זער, נו, לאָמיר שוין הערן, אַ סוף, נעם נישט אַרויס די נשמה, האָט די מוטער געזאָגט אַ נערוועזע, מיט אַ טרויעריקע מינע.

מאַמע, איך האָב חתונה געהאַט, מיט אַ שען מיידל, איך זאָג דיר פשוט אַ מלאך, נו, נו, האָסט דאָך מיר צוגעזאָגט אַז דו וועסט נישט בייז ווערן. . ער האָט זי פעסט אַרומגענומען און צוריק געהאַלטן פון פאַלן.

עס איז ווידער געוואָרן שטיל.

האָסט מיר גאָרנישט וואָס צו זאָגן מאַמע? האָט סידני געפרעגט מיט האַרץ קלאַפּעניש.

עס זאָל דיר זיין מיט מזל מיין קינד, האָט זי קוים אַרויסגעשטאַמלט, אָבער פאַרוואָס אָן מיין, און דעם טאַטנס וויסן, פאַרוואָס קומט עס אונז, האַ?

ווייל איר וואָלט נישט צוגעשטימט צום שידוך, האָט סידני געזאָגט און אַראָפּגעלאָזט די אויגן. פאַרוואָס קינד מיינס, איז זי דען ניט קיין שענע אָדער פון אַ פיינער משפחה, צי חלילה זאָל גאָט אויסהיטן נישט קיין יידישע? האָט זי געפאָרשט.

סידני האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף ניין. — די מוטער איז געפאַלן מיטן קאָפּ אויפן טיש, און אַ שטראָם הייסע טרערן, האָט זיך אַ גאָס געטון פון אירע אויגן, ווען זי איז געקומען צו זיך, האָט זי דעם זון קיין פאָרווירפע נישט געמאַכט. אָבער, אַן אייביקע שטילע וואונד, האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי איר אין האַרצן, דאָס איינציקע וואָס האָט איר ווי געטון מער ווי אַלץ איז געווען, וואָס טוט מען מיט איר אַלטן קראַנקן מאַן, ער וועט עם געוויס נישט אויסהאַלטן, אַזאַ שאַנד און ווייטאָג.

ענדלעך נאָך אַ לאַנגן נאָכדענקן, איז געוואָרן באַשלאָסן אַז פאַר דעם טאַטן מוז עס בלייבן אַ סוד, ער טאָר זיך נישט דערוויסן פון איר אָפּשטאַם.

צום ערשטן מאָל איז סידני געגאַנגען אַהיים יענעם אָוונט מיט אַ רוהיקן געוויסן, אין אַזוי אַרום איר איבערצייגן ווי גרויס זיין ליבע איז צו איר. און אַז ער וועט זי אַריינפירן צו זיינע עלטערן אין הויז צו דער ערשטער סדר־נאַכט.

דורך דער וואָך, האָט מיסיס גאָלדמאַן ביסלעכווייז דערציילט איר מאַן, וועגן סידני'ס געזעצלעכער חתונה, און אַז אין גיכן וועט מען מיט מזל שטעלן אַ חופּה. איצט זיצט דער אַלטער קראַנקער טאַטע ביים טיש, און וואַרט צו באַגעגענען זיין שנור. דעם ערשטן מאָל וועט ער זיצן ביים סדר מיט צוויי קינדער אַנשטאָט איינעם. ביי דעם געדאַנק איז זיין צאָרן געשטילט געוואָרן און ער האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן באַרוהיקן. מיסיס גאָלדמאַן איז געווען ביזי אין קיך מיטן צוגרייטן דאָס עסן.

לאַנגזאַם האָט זיך געעפנט די טיר, און סידני איז אַריין מיט זיין ווייבל. שטיל, אָן אַ וואָרט אויסצורעדן הייבן זיך זייערע בליקן אָן צו באַגעגענען.

דער אַלטער האָט פון זיין שנור ניט געקענט אָפּרייסן זיינע אויגן. ער האָט זי גוט באַטראַכט, אַ שלאַנקע בלאָנדינקע, מיט צוויי גרויסע בלויע אויגן, אַ פאַריסן נעזל, און ניט קיין געוויינלעכן אויסזען....אָבער זי האָט גוט מוטיק און פריינטלעך געשמייכלט, און אויף סידנים איינלאַדונג זיך געזעצט צום טיש, זי האָט מיט גרויס אינטערעס באַטראַכט דעם טיש, און אַלץ וואָ אויף אים געפינט זיך, די כּוסות, מצות חרוסת, דעם אַלטן מיטן ווייסן קיטל. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס אַלץ איז איר פרעמד, פונקט ווי זי זעט עס צום ערשטן מאָל... בליץ שנעל איז אים דורך געפלויגן אַ פיינלעכער געדאַנק, ווער ווייסט?... אָבער, ניין, ניין, האָט ער זיך באַלד באַרוהיקט, מיין סידני וועט אַזאַ זאַך נישט טון....

מיסיס גאָלדמאַן איז אַריין, און ווען זי האָט באַטראַכט איר שנור, האָט זי צו איר אַ געצוואונגענעם שמייכל געטון, כדי דעם זון קיין יסורים ניט צו



פאַרשאַפן, און זיך געזעצט נעבן איר מאַן.

דער אַלטער האָט אויסגעשטעלט דעם טיש לויט דעם שלחן ערוך, און זיך געכאַפּט אַז דער ווין פאַר די ארבע כוסות פעלט.

מיסיס גאָלדשטיין איז אַריין אין דער צווייטער שטוב, און זיך באַלד אומגעקערט מיט צוויי פלעשלעך, וועלכע זענען געווען פאַרדעקט מיט אַ ווייסן טוך, דערזעענדיק דאָס האָט זיך דער אַלטער גלייך איבערצייגט וואָס דאָ קומט פאָר, און באַרעכטיקט זיין פאַרדאַכט, ער האָט אַ פאָרשנדן בליק געטון אויף דער אַלטער, דאַן אויף דער שנור, וועלכע איז נאָך אַלץ געזעסן שטיל אין פאַרטראַכט, ניט זייענדיק ביים כח זיך צו באַהערשן, האָט ער אויסגעבראָכן אין אַ שטילן געוויין.

ער האָט שוין יענעם אָוונט דעם סדר נישט אָפּגעריכט. ער האָט זיך שטאַרק צוהיסט, זיך אויפגעהויבן פון הסיב־בעט און אַרויף אין זיין שלאָפצימער. סידני איז אַוועק אַהיים מיט זיין שען יונג ווייבל, נאָר די אַלטע צעקראָכענע מאַמע איז געבליבן זיצן איינע אַליין ביי דעם געדעקטן טיש, און געטראַכט וועגן איר איינציקן זון, וועגן איר קדיש, וועגן דעם היינטיקן צעשטערטן סדר, און שטאַרק מקנא געווען די ליכט וועלכע האָבן שוין געהאַלטן ביים אויסגיין....

„די צייט"
געגרינדעט אין 1913 פון
מאַרריס מייער

די איינציקע יידישע צייטונג
אין ענגלאַנד.
(בשעת דער מלחמה —
די איינציקע אין איראָפּע.)

אילוסטרירטער
טעאַטער שפּיגל

חודש־זשורנאַל, ארויסגעגעבן פון „פאָלקס־הויז" (בית־עם) און פון ניי־אידיש־טעאַטער אין לאָנדאָן. אין יעדן נומער דערשיינען אַקטועלע אַרטיקלען און ידיעות, וואָס זענען נוגע דעם יידישן טעאַטער אין לאָנדאָן און אַנדערע לענדער.

פרייז פון 1 נומער: 1 שילינג
אדרעס :—

"THEATRE MIRROR"
Adler Street, London, E.1
England.

Telephone : — BIS 1320.

## א. נ. שטענצל

### פרילינג....

1

...און אַז די הימלען בלייַ זיך לויטערן,
און אַז די ביימער ליכטיקע צעצווייגן,
מיין האַרץ — אַ סאָווע וואַרט אויפן טויט
זיך קאָרטשענדיק אין מרה־שחורהדיק שווייגן.

צעשריבענע נאָטן, אויפצוזינגען
זיצן די פייגל אויף די דראָטן־שטאַנגען!
אָ, וואָלט איך ווידער מיט זיי, ווי אַמאָל,
געקאָנט זינגען אַצינד פרילינג־געזאַנגען.

2

ווי ווילט זיך דאָס ווידער אַקייגנגיין
דעם פרילינג ווי אין די פריריקע יאָרן,
אָבער איך גיי אים נאָך אַלץ נאָך — אַ טויטן,
וואָס מ׳פירט אין אַ שוואַרץ־פאַרהילטן אָרון.

ווי פון געצוימטן שריט אַ הויל־קלאַפּן —
דאָס טיאָכן פון מיין האַרץ וויל מיך דערשטיקן!
און כ׳האָב מורא דעם קאָפּ אויפצוהויבן,
דעם פאַרהילטן אָרון נישט צו דערבליקן.

3

נישט אויף אַ „חתונה“ פליען זיי אויף,
די זיצנדיקע פייגל אויף די דראָטן —
די לויה אַצינד מיט באַגלייטן,
פלאַטערט איף דער ערד זייער טונקלער שאָטן.

און די בלומען אַלע וואָס בליען אויף,
אויף פרישן קבר אַ קראַנץ זיי צו לייגן!
אָ, נישט פריידיקע פרילינג־געזאַנגען,
כ׳וועל אַריינפלעכטן אין אים מיין סמוטנע שווייגן.



## דריי לידער

1

„לך אל נמלה“...
אַז אונטערגעהאַקט געוואָרן דער שטאַם,
פאַרוועלקן די וואָרצלען אין דער ערד;
אַ נעסט פאַר ראַיענדיקע מוראַשקעס,
דאָס טרוקענע וואָרצל־געפלעכט ווערט.

וואָס דעמלט די שטראַלן צעטריפטע זון,
אַז פאַרשניטן דער זשיוויעצע שטאַם!
זיין וואָרצל — אַ קאָרב־געפלעכט פאַר ברעקלעך
וואָס די מוראַשקעס שלעפּן צוזאַם.

דאָס ראַיען, דאָס פויזנדיקע געקריך,
אויף קיין איין רגע עס הערט נישט אויף:
זאָל כאָטש בלייבן פון פאַרשניטענעם בוים,
די ברעקלעך וואָס מיר שלעפּן צונויף.

2

אַז מיר זאָלן נישט פאַרפאַלן ווערן
אינם געפּלאָנטער פון אונזער געקריך,
און אינם געקנויל פון טויזנט וועגן
צו געפינען תמיד דעם וועג צו זיך, —

אַז נישט פאַרלוירן גיין מיר זאָלן
אין דעם ווייטן פינסטערן נע־ונד! —
ציט זיך אָנאויפהער דער בלוטיקער שליאַר,
דאָס רויטע שנירל אונטער אונזער טראָט.

אָ, נישט קיין פּאָדים־דינער שליאַר מער —
פון אונזער בלוט גאַנצע וועלט פאַרפלייצט ווערט!
דעם וועג צו זיך אַצינד צוגעפינען,
ער פירט שוין איבערן גאַנצן קיילעך ערד — — — —

„ואמר לך בדמיך חיי...“ 3
אַדורכגעריסן דער לעבנס פּאָדים —
ווי דער נאָפּל פון קינד פון מוטער־לייב,
ווי אַזוי איצט פאַרקניפּן אים צוריק,
אין דעם וויסטן פאַרפּלאָנטערטן געטרייב;

אַז געלעמט די ציטערדיקע פינגער
און פאַראייליקט די וואַקלדיקע ציין,
ווי אַזוי פאַרקניפּן דעם פּאָדים איצט
אינם אָפּפלוס פון בלוט נישט אויסצוגיין?

אַ שטיק, אַ פאַרגליווערטס, עס בלייבט שטעקן
און פאַרשטאָפּט ס׳איז דאָס גערין פונם בלוט!
אַזוי אינם ווילדן פּלאָנטער געטרייב
לעבן צעריסנס פאַרבינדן זיך טויט.

## אין דער נאַכט פאַרן געטאָ אויפשטאַנד

1. ליל-שמרים-באַלאַדע

ווי די צוויי יידן פון שם המפורש
אייביק צו זיין, נישט אָפּגעמעקט צו ווערן,
זיצן אין בונקער דאָרטן יענע צוויי,
וואו טיף באַגראָבן ס׳ליגן די געווערן.

דער וואַרשעווער גאון, רב מנחם,
בלויז אויגן נאָך, דאָס לעצטע צודערבליקן,
און יענער, וואָס לענט אים אונטער — די פויסט,
אַ ביין אין האַלדז דעם שונא צודערשטיקן.

„וואַרשעווער רב“! רופט עס אין פינסטערניש:
„פאַריאָר האָט מען נאָך מצות געבאַקן,
ז׳האָבן בלבולים נאָך נויטיק געהאַט....
יעצט גייען זיי שוין דעם שטאָם אונטערהאַקן....“

און מיט ישוב-הדעת ענטפערט עס שטיל:
„יאָ, מיין זון, מיין קינד, אַזוי איז עס טאַקע!
גאָט, דער רבנו דעלמא כולא,
שיקט תמיד די רפואה פאַר די מכה.

„אָבער כ׳האָב נאָך אַ כזית די גרויס,
פון פאַריאָר באַהאַלטן דעם אפיקומן,
גאַנץ צבור מיט מצה, מוציא צו זיין —
די רגע חיי־שעה מ׳טאָר נישט פאַרזוימען“ — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — —



און יענער וואָס האָט ס׳געווער געהיטן
האָט אין יענער רגע ס׳לעצטע פאַרשטאַנען!
און מיט אים, מיטן אונטער־ערדישן,
איז גאָט אַליין אין שלאַכט אַרויסגעגאַנגען.

די טיר צו די כלי־זיין קאַמערן,
אונטער דעם בעט וואו דער רב איז געלעגן,
און צו אַלע וואַרטנדיקע שטיבער,
פון דאָרטן אַרויס פאַרגראָבענע וועגן.

און ווען מיט גרויס כוונה רב מנחם
האָט דעם כזית מצה אין מויל גענומען,
פאַר אַ מסור פאַרשטעלט אליהו,
צו „שפוך חמתך“ איז אַריינגעקומען.

„אין מפטירין אחר — — אפיקומן — — — “
האָט ער עסנדיק פאַרגלייזט זיינע אויגן,
פון דער שמחת־מצוה אויף זיין פּנים
דעם אַריינגעקומענעם פאַרבלענדט די אויגן —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און ווען פון איין זייט דעם וואַרשעווער רב
מ׳האָט אַרויסגעפירט, געקאָוועט אין קייטן,
האָט מען פון דער אַנדערער זייט טיר,
ס׳באַהאַלטענע געווער גענומען פאַרשפּרייטן.

2. דער אַלאַרם

צום 4 יאָרצייט אויף די קברים פון העלדן פון וואַרשעווער געטאָ אויפשטאַנד
„אויף לעשנאָ 56 דערזעט יורעק פּלוצלונג, אַז ער איז אַרומגערינגלט פון ס.ס.־לייט, זיי וואַרפן אויף אים אַ גראַנאַט, יורעק כאַפּט דעם גראַנאַט בליק־שנעל אויף און איידער ער באַווייזט אויפצורייסן אין זיינע הענט וואַרפט ער אים צוריק. פיר ס.ס.־לייט ווערן געהרגט“. („געטאָ־קעמפער“)

אַז אַפּאָלאָ וואַרפט די זון ווי אַ דיסק,
אין לויף ר׳כאַפּט זי אויף און שליידערט זי צוריק — —
אָבער איידער עס רייסט אויף אַ גראַנאַט,
אים צוריקצוּוואַרפן אין לעצטן אויגנבליק?

פון ס.ס.־מחנות אַרומגערינגלט,
מיטן אין אויפרייס שוין פליט אַ גראַנאַט אויף,
און מיט זיין דלאָנע ס׳האָט יורעק, דער יונג,
זי צוריקגעשליידערט מיטן אין איר לויף.

צי האָבן די געהרגטע ס.ס.
דעם קונציקן צוריקוואורף געקענט נאָך זען ?
אָבער, אַפּאַלאָ דאָס דערזעענדיק,
האָט דעם וואַרשעווער יונג מקנא געווען.

נישט אויף אינגעאישן ליכטיקן פליין,
אויף זוניקן רייטוואָגן אין פלינקן לויף,
יורעק, דער יונג, האָט די זון געטראָגן,
אויף גאָלע הענט אין יעדן פינסטערן הויף :

„אין געטאָ אַ העלד איז אויפגעשטאַנען,
אַ מעכטיקער ריז מיט געוואַלדיקער פויסט !
דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון מיליאָנען
נקמהדיק אין אים ס׳האָט איצט אויפגעברויזט !

„אויפגעריסענע פלאַקערס, צעפלאַמטע,
שליידערט ער פון זיין לידיקער האַנט אַרויס ! !“
יורעק, דער יונג האָט די זון געטראָגן,
אויף בלויזע הענט אין יעדן פינסטערן הויז.

איבער דער גאָרער וועלט איין זון גייט אויף,
אַלעמענס הערצער מיט איר ליכט, זי באַלייכט,
אין יענעם פרילינג־טאָג האָט זי ווידער
די נידריקסטע שטוב פונם געטאָ דערגרייכט.

און ווי גבעון אייביק איז געבליבן,
ווייל אָפּגעשטעלט דאָרט יהושע די זון האָט,
וועט מיט יורעקן, פון לעשנאָ דעם יונג,
פאַרבלייבן פאַראייביקט וואַרשע די קרוין שטאָט.



## לעאַ קעניג

# „פען - די - מאַנדיזם“

„מיט אַ פינפציג־זעכציג יאָר צוריק איז געווען אַ מאָדע אַלעס אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, אין פּאָליטיק, ליטעראַטור און קונסט צו באַצייכענען אַלס „פען די סיקל“ ; איצט הערשט אַ שטימונג פון „פען די מאָנד“. . . . אָט דער זאַץ פון אַ בריוו וואָס איך האָב דאָ נישט לאַנג צוריק געקראָגן פון אַ יידישן מאָלער אין פראַנקרייך (וועמען ס׳איז אגב געלינגען איבערצולעבן דעם קאָשמאַר פון דער נאַצי־אָקופּאַציע) — גיט איבער, דוכט זיך מיר, זייער ריכטיק די שטימונג וואָס הערשט אצינד צווישן אַ גרויסער טייל פון דער אינטעליגענץ בכלל, און דער יידישער בפרט.

„פען די מאָנד“ — עק וועלט. מיר האָבן שוין איצט נישט צו טון מיט „פען די סיעקל“ (סוף יאָר הונדערט) שטימונגען, באַוועגונגען און אידעאָלאָגיעס, נור מיט „פען די מאָנד“ שטימונגען. . . .

די אומגעהויערע קרבנות און ליידן פון דער צווייטער וועלט-מלחמה ; די אונאויפהערלעכע קאָנפליקטן און צאַנקערייען צווישן די זיגרייכע פעלקער. . ועל כולם די „אַטאָמישע באָמבע“ וועלכע הענגט איצט ווי אַ באַרג סיני אויף די קעפּ פון אַלע פעלקער מיט דער דראָענדיקער וואָרנונג : „וועט איר נישט מאַכן אַקאָנסטרוקטיוון אמתן שלום צווישן זיך וועט איר אַלע אָפּגעמעקט ווערן אין אַ דריטער און אפשר טאַקע באמת לעצטער וועלט מלחמה“. . נו, איז דען אַ וואונדער וואָס עס הערשן אצינד אַזעלכע „פען די מאָנד־שטימונגען ?

די נערוון זיינען אויסגעמוטשעט באַזונדער ביי דער אינטעליגענץ, וועלכע לעבט מיט נערוון : די פאַרשידענע וויסנשאַפטלעכע און פּסעוודאָ־וויסנשאַפטלעכע פּסיכאָ־אַנאַליטישע טעאָריעס און נאָוועלן האָבן אונז אַריינגעפירט אין דעם פינסטערן לאַבירינט פון דער מענטשלעכער פּסיכיק, אָבער דעם גלייבן אין „מענטשנס נאַטור“ האָבן זיי נאָך מער אָפּגעשוואַכט. און מענטשן גייען איצט אַרום און רעדן אויף מענטשן ; זיי זיינען האָפנונגסלאָז ; און אפילו די אַטאָמישע באָמבע וועט זיי ניט אָפּשרעקן און זיי וועלן זיך פאַרניכטן צוליב זייערע נאַרישע איינרעדעכצן און קורצזיכטיקע אינטערעסן. . . . און אַז ס׳איז נישטאָ קיין גלויבן אין מענטשן און פעלקער, פּרובט מען זיך, אַזוי ווילנלאָז און אַפּאַטיש, גלויבן אין גלויבן. . . . אפשר ? פּאַסקאַלס „גרויסער אפשר“ — און עס הערשט איצט אַ מין נייגונג צו פאַרשידענע פּאַסיווע, „לעספּער“ מיסטישע און האַלב־רעליגיעזע טעאָריעס און אַנשויאונגען. „לאָז עס גיין ווי עס גייט. . . . סיי ווי איז דער מענטשלעכער מין פאַרמשפּט זיך אַליין אויסצוראָטן“. . . . און עס הערשט בכלל אַזאַ אָפּענדיקייט און אַפּאַטיע אויף אַלע, דאַכט זיך, געביטן פון ליטעראַטור און קונסט. . . . אַ שטימונג פון מידקייט און ניט גלויבן אין די אייגענע כוחות און אין די שעפערישע כוחות פונם מענטשלעכן מין. אַ שטימונג פון „פען די מאָנד“.

פון ס.ס.־מחנות ארומגערינגלט,
מיטן אין אויפּרייס שוין פליט אַ גראַנאַט אויף,
און מיט זיין דלאָנע ס׳האָט יורעק, דער יונג,
זי צוריקגעשליידערט מיטן אין איר לויף.

צי האָבן די געהרגטע ס.ס.
דעם קונציקן צוריקוואורף געקענט נאָך זען?
אָבער, אפּאָלאָ דאָס דערזעענדיק,
האָט דעם וואַרשעווער יונג מקנא געווען.

נישט אויף איגעאישן ליכטיקן פליין,
אויף זוניקן רייטוואָגן אין פלינקן לויף,
יורעק, דער יונג, האָט די זון געטראָגן,
אויף גאָלע הענט אין יעדן פינסטערן הויף:

„אין געטאָ אַ העלד איז אויפגעשטאַנען,
אַ מעכטיקער ריז מיט געוואַלדיקער פויסט!
דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון מיליאָנען
נקמהדיק אין אים ס׳האָט איצט אויפגעברויזט!

„אויפגעריסענע פלאַקערס, צעפלאַמטע,
שליידערט ער פון זיין ליידיקער האַנט אַרויס!!“
יורעק, דער יונג האָט די זון געטראָגן,
אויף בלויזע הענט אין יעדן פינסטערן הויז.

איבער דער גאָרער וועלט איין זון גייט אויף,
אַלעמענס הערצער מיט איר ליכט, זי באַלייכט,
אין יענעם פרילינג־טאָג האָט זי ווידער
די נידריקסטע שטוב פונם געטאָ דערגרייכט.

און ווי גבעון אייביק איז געבליבן,
ווייל אָפּגעשטעלט דאָרט יהושע די זון האָט,
וועט מיט יורעקן, פון לעשנאָ דעם יונג,
פאַרבלייבן פאַראייביקט וואַרשע די קרוין שטאָט.



## לעאָ קעניג

# „פען - די - מאַנדיזם“

„מיט אַ פינפציג־זעכציג יאָר צוריק איז געווען אַ מאָדע אַלעס אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, אין פּאָליטיק, ליטעראַטור און קונסט צו באַצייכענען אַלס „פען די סיקל“; איצט הערשט אַ שטימונג פון „פען די מאָנד“.... אָט דער זאַץ פון אַ בריוו וואָס איך האָב דאָ נישט לאַנג צוריק געקראָגן פון אַ יידישן מאָלער אין פראַנקרייך (וועמען ס׳איז אגב געלינגען איבערצולעבן דעם קאָשמאַר פון דער נאַצי־אָקופּאַציע) — גיט איבער, דוכט זיך מיר, זייער ריכטיק די שטימונג וואָס הערשט אַצינד צווישן אַ גרויסער טייל פון דער אינטעליגענץ בכלל, און דער יידישער בפרט.

„פען די מאָנד“ — עק וועלט. מיר האָבן שוין איצט נישט צוטון מיט „פען די סיעקל“ (סוף יאָר הונדערט) שטימונגען, באַוועגונגען און אידעאָלאָגיעס, נור מיט „פען די מאָנד“ שטימונגען....

די אומגעהויערע קרבנות און ליידן פון דער צווייטער וועלט-מלחמה; די אומאויפהערלעכע קאָנפליקטן און צאַנקערייען צווישן די זיגרייכע פעלקער.. ועל כולם די „אַטאָמישע באָמבע“ וועלכע הענגט איצט ווי אַ באַרג סיני אויף די קעפּ פון אַלע פעלקער מיט דער דראָענדיקער וואָרנונג: „וועט איר נישט מאַכן אַקאָנסטרוקטיוון אמתן שלום צווישן זיך וועט איר אַלע אָפּגעמעקט ווערן אין אַ דריטער און אפשר טאַקע באמת לעצטער וועלט מלחמה“.. נו, איז דען אַ וואונדער וואָס עס הערשן אַצינד אַזעלכע „פען די מאָנד־שטימונגען?

די נערוון זיינען אויסגעמוטשעט באַזונדער ביי דער אינטעליגענץ, וועלכע לעבט מיט נערוון: די פאַרשידענע וויסנשאַפטלעכע און פסעוודאָ־וויסנשאַפטלעכע פסיכאָ־אַנאַליטישע טעאָריעס און נאָוועלן האָבן אונז אַריינגעפירט אין דעם פינסטערן לאַבירינט פון דער מענטשלעכער פסיכיק, אָבער דעם גלויבן אין „מענטשנס נאַטור“ האָבן זיי נאָך מער אָפּגעשוואַכט. און מענטשן גייען איצט אַרום און רעדן אויף מענטשן; זיי זיינען האָפנונגסלאָז; און אפילו די אַטאָמישע באָמבע וועט זיי ניט אָפּשרעקן און זיי וועלן זיך פאַרניכטן צוליב זייערע נאַרישע איינרעדעכצן און קורצזיכטיקע אינטערעסן.... און אז ס׳איז נישטאָ קיין גלויבן אין מענטשן און פעלקער, פּרובט מען זיך, אַזוי ווילנלאָז און אַפּאַטיש, גלויבן אין גלויבן.... אפשר? פאַסקאַלס „גרויסער אפשר“ — און עס הערשט איצט אַ מין נויגונג צו פאַרשידענע פּאַסיווע, „לעסעפער“ מיסטישע און האַלב־רעליגיעזע טעאָריעס און אַנשויאונגען, „לאָז עס גיין ווי עס גייט.... סיי ווי איז דער מענטשלעכער מין פאַרמשפּט זיך אַליין אויסצוראָטן“.... און עס הערשט בכלל אַזאַ אָפּענדיקייט און אַפּאַטיע אויף אַלע, דאַכט זיך, געביטן פון ליטעראַטור און קונסט.... אַ שטימונג פון מידקייט און ניט גלויבן אין די אייגענע כוחות און אין די שעפערישע כוחות פונם מענטשלעכן מין. אַ שטימונג פון „פען די מאָנד“.

און מען וואונדערט זיך נאָך פאַר וואָס עס זיינען לעצטנס נישט דערשינען קיין נייע גרויסע ביכער און נייע גרויסע שרייבער?

*　　*　　*

שאַ האָט שוין לאַנג אָפּגעפּסקנט אַז „דער מענטש איז אַ דורכפאַל פון דער באַשאַפונג“ און ה. דזש. וועלס, דער שאַפער פון אוטאָפּיעס, איז געשטאָרבן אַפּעסימיסט, אָן גלויבן אין דער צוקונפט פון דער מענטשהייט....

„מיר זיינען אריינגעטראָטן אין דעם אַטאָם-צייט־אַלטער“ אָבער נישט מיט די גרויסע האָפנונגען וואָס די גרויסע אנטדעקונג קען ברענגען דער מענטשהייט, נור מיט „פען די מאָנד“ שטימונגען....

וואוהין מען קערט זיך און מען ווענט זיך הערט מען אַלץ רעדן פון ענדע, פון אָפּשטאַרבן, פון שטאַרבן.... אונזער ציוויליזאַציע איז פאַרמשפט; אייראָפּע גוססט.... ענגלאַנד גייט באַרג אַראָפּ... פראַנקרייך אויסגעשפילט... און אַזוי ווייטער און ווייטער.. פון אַלע זייטן הערט מען אַלץ פון שטאַרבן און אָפּשטאַרבן.. עס זיינען, דאַכט זיך, קיינמאָל נישט געווען אַזוי פיל ירמיהו'ס און „שוואַרץ־זעער“ ווי אַצינד.. און אין אַ געוויסן זין הערשט איצט אַ עסקייפּיזם, אַ פיל געפערלעכער ווי אין די מלחמה יאָרן: אין יענע יאָרן איז נאָך געווען פאַרשטענדלעך און באַרעכטיקט אַ עסקייפּיזם: מענטשן האָבן זיך געוואָלט אָפּרוען פון זייער מלחמה־אַרבעט און פון די באָמבעס, האָט מען געזוכט אָפּרו אין פאַרוויילונג אין ביכער וואָס האָבן ניט דערמאָנט אין דער קריג ווירקלעכקייט....

איצט אָבער הערשט אַ שעדלעכערער און געפערלעכערער „עסקייפּיזם“ — אַ עסקייפּיזם נישט פון דער געגנוואַרט נור פון דעם מאָרגן, אַ עסקייפּיזם פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט, ווייל מענטשן האָבן אויפגעהערט גלויבן אין זייער אייגענעם מין, אינם מענטשן און האָבן מורא פאַר דער צוקונפט.... אַ „פען־די־מאָנדישער“ עסקייפּיזם....

און אַז אַזאַ פּעסימיזם הערשט איצט צווישן אַ גרויסן טייל פון דער אינטעליגענץ בכלל איז דאָך שוין אָפּגערעדט אַז אַ גרויסער טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ איז איצט נאָך פּעסימיסטישער געשטימט. און זיי זיינען אין אַ געוויסן זין מער דערצו „באַרעכטיקט“: אַ דריט־חלק פון אונזער פאָלק איז אויסגעראָטן געוואָרן פונם זאָאָלגישן נאַצי־פאַשיזם און ניט אויף די „געזעצלעכע“ מלחמה־פראָנטן נור אין טויט פאַבריקן און אין דאַכאוס און אַנדערע נאַצי גיהנום'ס.... און וואָס איז אפשר נאָך טרויעריקער פאַר אונז איז דער פאַקט אַז די מיינסטע פון די גרויסע זיגרייכע דעמאָקראַטיעס האָבן ווי פאַרגעסן צו אנטוואָפענען דעם באַזיגטן נאַצי־פאַשיזם פון זייער געפערלעכסטן און גיפטיקסטן געווער — פונם אַנטיסעמיטיזם.... „ווי פאַרגעסן“ — איז ניט נאָך שטאַרקער געוואָרן אָט דער פאַשיסטישער אנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע און ענגלאַנד, און אפילו אין פּאַלעסטינע? —



נו, איז דען אַ וואונדער וואָס אַ גרויסער טייל פון אונזער יידישער אינטעליגענץ האָט איצט נאָך ווייניקער אָנגעהויבן גלויבן אין מענטשן און פעלקער? איז דען אַ וואונדער וואָס אפילו אַ גרויסער טייל פון דער וועלטלעכער יידישער אינטעליגענץ האָט זיך אַ קער געטון צו אַ מין „נעאָ־יידישקייט“ פּונקט ווי אַ גרויסער טייל פון דער אייראָפּעאישער אינטעליגענץ צו „נעאָ־קאַטאָליציזם“?....

ערשט מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר צוריק האָבן מיר אַלע געחלומט און געגלייבט אין אַ נאַציאָנאַלן רענעסאַנס, אין אַ פאָלקס דערוואַכונג.. און נישט נור געחלומט און געגלויבט נור טאַקע געזען פאַר זיך גרויסע וואונדערלעכע דערגרייכונגען: אַ פּראַכטפולע יונגע יידישע ליטעראַטור (און העברעאישע) מיט אַזעלכע באַדייטענדע — לויט אַלע קינסטלערישע מאָסשטאָבן — שריפטשטעלער און דיכטער ווי מענדעלע, שלום עליכם, פּרץ, ביאַליק, טשערניכאָווסקי, בערגעלסאָן, אחד העם.. און צענדליקער אַנדערע פּראַכטפולע וואָרט־קינסטלער און דיכטער.. אַ יונגע, לעבנסזאַפטיקע ליטעראַטור וואָס האָט נישט מורא געהאַט פאַר קריטיק און זעלבסטקריטיק.. ניט קיין אַפּאָלאָגעטישע ליטעראַטור, נור אַ געזונטע ליטעראַטור וואָס האָט געוואָגט לאַכן און ווייזן דאָס יידישע לעבן, דעם מענטשן ווי ער איז — אַ ליטעראַטור ווי אַלע שעפערישע ליטעראַטורן.. און נייע יידישע דורות זיינען אויפגעשטאַנען אָן קאָמפּלעקסן; אַ יוגנט וואָס האָט געבענקט נאָך באָדן און פאַרוואָרצלונג און געבויט די פּראַכטפולע קבוצות אין א"י.. און געקוקט מיט ניכטערע האָפנונגען אויף דער צוקונפט פונם אויפגעוואַכטן יידישן פאָלק און פון אַלע פעלקער..

ערשט נישט לאַנג צוריק — ביז די לעצטע פּאָר יאָר פאַר דער צווייטער וועלט מלחמה — זיינען מיר געווען פול מיט גלייבן און האָפנונגען און האָבן געלעבט אין אַ תקופה פון יידישן רענעסאַנס. — —

און איצט: „פען די מאָנדיזם“. אַ גרויסער טייל פון דער יידישער סעקולערער אינטעליגענץ ווערט איצט אַלץ פּעסימיסטישער און זוכט אַ עסקייפּיזם אין פאַרשידענע מיסטישע מעסיאַניסטישע און מיסיאָניסטישע אַנשויאונגען וועלכע זיי האָבן אַליין באַקעמפט אין זייער יוגנט. און אויף דער „יידישער גאַס“ איז איצט טרויעריק און אומעטיק.. נאָך מער ווי אין די נישט יידישע גאַסן הערט מען ביי אונז איצט טענות פון אונטערגאַנג, שטאַרבן....

מיט איין וואָרט „פען די מאָנדיסטישע“ שטימונגען ביי אונז ווי ביי אַלע אַנדערע פעלקער. מער צו ווייניקער באַרעכטיקטע און דווקא, אין פּונקט איצט, ווען מיר ווי אַלע פעלקער נויטיקן זיך אינם מאַקסימום גלויבן אין די אייגענע קאָנסטרוקטיווע כוחות כדי אויסצומיידן אפשר די לעצטע און פאַטאַלסטע קאַטאַסטראָפעס....

## דוד זיידענפעלד

## נאכט - סצענע

כ׳זע א בוים שטיין אינמיטן
פעלד, פארשאלטן פון נישט־גוטן.

חצות, ווען קיינער איז נישט דא,
פליט אויף אים א שווארצע קרא.

און נישט־גוטע מיט געקלאג,
ארום אים טאנצן ביז פארטאג.

און דער בוים מיט דארע צווייגן,
ווייזט זיי אלע טויזנט פייגן.

קומט א מזיק מיט א ריט,
טאנצט אויך מיט די שדים מיט.

און מתים מיט די אויגן בלינד,
קומען מיטן ווירבל־ווינד.

און זיי טאנצן און זיי שעלטן,
זון און שטערן אלע וועלטן.

חצות, ווען קיינער איז נישט דא —
פליט פון בוים אראפ די קרא.

יאגט אוועק די טויטן־ביינער:
וויסן פון דעם זאל נישט קיינער!

און שטעכט דעם מזיקס אויגן אויס,
לויפט די לבנה פון הימל ארויס.

טאנצן שדים ארום אליין
מיט א שדיש שפאט־געוויין.

און דער בוים מיט דארע צווייגן,
ווייזט זיי אלע טויזנט פייגן.



## יאז ל. הענריקעס

## זאק - לייוונט און די אנשי - מעשה
(סקיצע)

זיי זענען געקומען פון דערמזועלבן דארף; זיי זענען צוזאמען אדורכגעגאנגען 5 יאר דעם נאצי־גיהנם; צוזאמען זענען זיי באפרייט געווארן;ביידע זענען זיי אלט געווען 18 יאר.

די באפרייאונג האט זיי ביידעמען געבראכט א מתנה־זאק־לייוונט. פאר איינע, אזוי מסוכנותדיק קראנק, אז מ׳האט זי געמוזט טראגן אין שפיטאל אריין, האט עס באדייט א שוואכע טשאנס אז מ׳וועט זי אין שפיטאל אויף אזוי ווייט צוריקשטעלן צום געזונט, אז, הגם זי וועט נישט זיין דאס וואס זי איז אמאל געווען, וועט זי דאך זיך קענען קלאמערן אן לעבן. דער אנדערער האט עס געברענגט א חתן, א בחור, אלט אין צרות, אבער יונג גענוג פאר הייסער ליבע. זיי האבן געפלירטעוועט, געליבט זיך, און געפלאנעוועט זייער חתונה־טאג.

דאן איז געקומען דער גרויסער טאג.

צו איינער האט עס געברענגט א חתונה-קלייד פון גראבער, ווייסער מאטראץ־לייוונט, ליבלעך און געשיקט אויסגעארבעט דורך אירע לאגער־שוועסטערן, מיט קנעפ איבערגענייט פון אונטערוועש, אראפגעריסן פון וויכטיקע קליידער. איר שלייער איז געווען געמאכט פון גאזע, צוגעלקחנט פון אן ערשטע הילף־קעסטל — איר בוקעט בלומען פון א לאגער־גארטן.

ציטערנדיק, און אויפלייכטנדיק אין איר גראב־געהאפטענעם מיידלישן קלייד, האט זי מיט זיך פערזאניפיצירט דעם נס פון לעבן, וואס שטייט אויף תחית המתים פון אונטער דער אש פון צושטערונג.

צו דער אנדערער האט עס געברענגט אייביק שטילשווייגן — איר פארשרומפענער סקעלעט האט פארענדיקט איר לעצטן אנשטרענג צו דערהאלטן דעם פונקן וואס האט נאך געטליעט, און איז געווארן אויסגעלאשן. זי אויך, האט געהאט א קלייד פון זאק־לייוונט, מיט ליבשאפט געוויקלט ארום איר פון צערטלעכע שוועסטער־הענט. אפילו די ברייטע פאלטן האבן נישט געקענט באהאלטן און פארדעקן די סקעלעטישע גארנישטיקייט וואס האט כלומרשט געזאלט רעפרעזענטירן א מענטשלעכע ראם. איר שלייער איז געמאכט געווארן פון גראבן האלץ, פראוויזאריש צוזאמענגעשטעלט פונם קברן; אירע בלומען — צוויי צווייגעלעך פון סאסנאווע-ביימעלעך, ארייננגעשטעקט אין אירע קאלטע סקעלעטישע הענט, קוים פארביקער ווי דער זאק־לייוונט וואס האט איר גוף איינגעהילט.

ווייט אוועק אזוי פון דער וועלט און טויט־ערנסט, האט זי מיט זיך פארקערפערט די ווירדע פון אייביקן לעבן ווען שטויב קערט זיך אום צו שטויב און די נשמה גייט ארויף אין דער הויך.

די אַנשי־מעשה פֿאַר וועמען דער מלאך־המות איז נישט געווען קיין פֿרעמדער גאַסט, האָבן זאָרגפֿעלטיק אויפֿגעהויבן דעם ארון, האָבן אים צערט־לעך געטראָגן צום קבר אויפֿן יידישן בית־עולם, אויף דעם קליינעם בערגל אונטער דעם שטעטל.

אירע לאַגער־שוועסטערן האָבן געוויינט, שטייענדיק אַרום דעם פֿרישן קבר. די אַנשי מעשה, האָבן שטילשווייגנדיק צוגעשיט די ערד אויפֿן קבר.

די אַנשי מעשה זענען דאַן אַוועק — זיי האָבן זיך געאײַלט צוריק אין זייער בית־הכנסת.

דאָרט האָבן זיי געוואַרט אויף דאָס אָנקומען פֿון דער כלה — זיי האָבן געזאָגט תפֿילות — זיי האָבן געהאַלטן די שטאַנגען פֿון דער חופּה, די כּוסה מיט ווײַן, זיי האָבן געמאַכט אַ וואַרע פֿאַר חתן־כּלה.

די אַנשי־מעשה האָבן גאָרנישט געהאַט אַפֿילו טועם געווען, ווײַל זיי זענען געווען אַזוי שטאַרק פֿאַרנומען, איידער ס'איז צוגעפֿאַלן די נאַכט.

אין זייער קליינעם בוידעם־שטיבל זענען זיי דאַן אַרײַן — האָבן אַרויס־גענומען זייער כּזית ברויט, זייער גלאָז טיי — האָבן אָפּגעבענטשט און דאַנקבאַר אויסגעשטרעקט זייערע מידע גלידער אויף דעם שטיקל ציעך פֿון זאַק־לייוונט.

איבערזעצט פֿון ענגליש — נ.ש.



ראז ל. העַנריקעס „דער מאַרש פֿון די באַפרייטע“



## יצחק קרעלמאַן

# זיבן חדשים יידיש טעאַטער אין די עסטרײַכישע לאַגערן

דעם 15 אויגוסט 1946 יאָר, האָבן מיר אַ גרופּע פּראָפֿעסיאָנעלע יידישע שוישפּילער (אונטער מיין אָנפֿירונג) געגעבן די ערשטע ייד. טעאַטער פֿאָר־שטעלונג אין לאַגער „וועגשייד“ (אויבער־עסטרײַך) אין דעם לאַגער האָבן זיך רעמלט געפֿונען אַריבער אַכט טויזנט יידן פֿון פּוילן, רומעניען, אונגאַרן, וועלכע האָבן געמוזט זייערע היימלענדער פֿאַרלאָזן צוליב סיבות באַוואוסטע...

דער אויבן־דערמאָנטער לאַגער פֿאַרמאָגט אַ גרויסן הילצערנעם קלוב מיט אַ קליינע בינע ווייט נישט קיין פּאַסיקער בנין פֿאַר טעאַטער פֿאָרשטע־לונגען, וועלנדיק אָבער מהנה זיין די היימלאָזע יידישע פּליטים מיטן לעבע־דיקן יידישן וואָרט פֿון דער בינע, האָבן מיר אין איניקע טעג באַוויזן מיט אייגענע כּוחות דעם קלוב „וועגשייד“ מיט דער פּוסטער אָפּגעלאָזענע בינע צו פֿאַרוואַנדלען אין אַ עסטעטישן אויסזען און מיר האָבן אָנגעהויבן שפּילן יידיש טעאַטער. צוליב מאַנגל אין דעקאָראַציעס, קאָסטיומען, רעקוויזיטן, פּאַרוקן א.ז.וו. האָבן מיר דערווייל געגעבן פֿאָרשטעלונגען פֿון לייכטן זשאַנר, ד.ה. רעווי־פּראָגראַמען, רעפּערטואַר האָבן מיר מיטגעבראַכט פֿון פּוילן. מיט דער צייט זיינען אונזערע פּראָגראַמען באַרייכערט געוואָרן מיט אַקטואַליע. צווישן די חברים פֿון אונזער קאָלעקטיוו האָבן זיך אויך געפֿונען אַזעלכע שוי־שפּילער וועלכע זענען אויך באַגאַבט אויפֿן געביט פֿון דיכטעריי, פּאָעזיע און קאָמפּאָזיציע. מיר האָבן באַדינט מיט אונזערע פֿאָרשטעלונגען אַלע יידישע לאַגערן אין עסטרײַך,* צווישן אַנדערע האָבן מיר אויך אויפֿגעפֿירט די באַ־רימטע פֿאָלקס-קאָמעדיע „הערשעלע אָסטראָפּאָלער“ פֿון גערשנזאָן און „דער בלוטיקער שפּאַס“ פֿון שלום עליכם.

אונזערע פֿאָרשטעלונגען זענען געשטאַנען אויף אַ געהעריקן קינסטלע־רישן ניוואָ און זענען מיט גרויס ענטוזיאַזם און באַגייסטערונג אויפֿגענומען געוואָרן סיי פֿון די יידישע פּליטים, סיי פֿון די ענגלישע און אַמעריקאַנער מאַכט אָרגאַנען ווי אויך פֿון „דזשאָינט“, „אונראַ“ און „היאַס“ פֿאָרשטייער, וועלכע האָבן אָפֿט אונזערע פֿאָרשטעלונגען באַזוכט און אונז באַשאָנקען מיט לויב־אַרטיקלען.

פֿאַר אונזער ערנסטע פֿרוכבאַרע אַרבעט זענען אונז די לאַגער אָנפֿירער־שאַפֿט אַנטקעגן געקומען מיטן מאַקסימום פֿון אונזערע פֿאַרלאַנגען.

פֿאַר זיבן חדשים צייט האָבן מיר געמאַכט זיבן אויפֿפֿירונגען, פֿינף גרויסע אַקטועלע רעווי־פּראָגראַמען א.נ. אבי מען זעט זיך“, „די פֿריילעכע כאַליאַס־טרע“, „די וועלט שאָקלט זיך“, „טאַנצט יידעלעך טאַנצט“, „אויף טיש און אויף בענק“. און די שיין אויבן דערמאָנטע צוויי גרויסע אויפֿפֿירונגען „הער־שעלע אָסטראָפּאָלער“ און „דער בלוטיקער שפּאַס“. אונזער קאָלעקטיוו איז באַשטאַנען פֿון פֿאָלגנדע גוט באַקאַנטע שוישפּילער: יצחק קרעלמאַן, הערי

אריעל, יעקב ריינגלאַס, ליב לערנער, דוד דעמערער, יוסף גרימינגער, דאָראַ קרעלמאַן, זיסל גאַרליצקאַ, בינע גודעס, זוזאַנע טיטיון.

די דירעקציע און דער אָנפירער מ. מאַרקאָוו פון גרענד־פּאַליי טעאַטער אין לאָנדאָן האָבן אַלע באַמיאונגען געמאַכט אונז פון לאַגער ארויסבאַקומען און ברענגען קיין לאָנדאָן. פאָרלויפיג איז זיי געלונגען צו ברענגען נאָר אונז דריי שוישפּילער ד.ה. מיך מיט מיין פרוי און הערי אריעל. זיי האָבן שוין אויך אָנגענומען די ערשטע שריט וועגן אַ מעגלעכקייט צו ברענגען די איבריקע שוישפילער פון אונזער קאָלעקטיוו וועלכע זענען נאָך צייטווייליק פאַרבליבן אין לאַגער „וועגשייד“.

איך, מיין פרוי און ה' הערי אריעל זענען דעם 18 מערץ אָנגעקומען קיין לאָנדאָן און שבת דעם 29 מערץ איז פאָרגעקומען אונזער ערשטער אויפטריט אין גרענד־פּאַליי־טעאַטער אין שלום-עליכם'ס באַרימטע טראַגי־קאָמעדיע „דער בלוטיקער שפּאַס“.

זונטיק דעם 6 אַפּריל טרעטן מיר אויף צוזאַמען מיטן גאַנצן אַנסאַמבל פון גרענד־פּאַליי־טעאַטער אין אונזער צווייטער פּרעמיערע — „הערשעלע אָסטראָפּאָלער“.



**א סצענע פון „בלוטיקן שפאס“**

(געשפּילט אין עסטרייכישן לאַגער קעמפּ)

יצחק און דאָראַ קרעלמאַן, הערי אַריעל, גאַרליצקאַ און ריינגלאַס

אין די ראָלן פון :

דוד און שרה שאַפּירא, איוואַנאָוו, בעטי און שנייערסאָן



## מנחת כהן *

# מיינע אויגן זעען אלעס אויסגעדרייט....

מיינע אויגן זעען אַלעס אויסגעדרייט
פערשטראַלטע זון פון מערב אויפגעשיינט,
חומר־ערד אויבן, אונטן הימלישקייט,
זון גייט אונטער אין מזרח פאַרצערט, פאַרוויינט !...

מעשענע קעפּ זענען קאַפּויר — פאַרדרייט,
זיי האַלטן פון פאָרנט דעם גשמיות רוקן,
זיי קוקן נור אויף אונטן אויך נישט ווייט,
בשום־אופן אונמעגלעך, פאָראויס צו בליקן....

זיי רופן ליכטיק וואָס איז חושך — שוואַרץ,
זי לעבן און שטערבן, נאָך קופּער גלאַזען,
ליכט־שטראַל פלאָגט זיי פון טיפן האַרצן,
זיי לעבן און שטרעבן נאָך קופער גלאַנצן,

עלטערן ווערן געבוירן פון אייגענע קינדער,
ווער ס'איז טרויעריג, לאַכט, ווען ס'איז גוט, וויינט,
ווער ס'הערט איז טויב, ווער ס'זעט איז אַ בלינדער,
פייער איז שוין טונקל, דער שונא איז שוין ב'חנ'ט !....

אויסשוועצין, מיידאַנעק, בעלזען און טרעבלינקע,
קרעמאַטאָריום, גאַז־קאַמערן לה הי' ולא נברא,
ווי אַ שיינער חלום, אַ שפּאַנענדע לעגענדע,
די מיליאָנען יידן זענען לאַנג אין פּאַלעסטינע !...

ס'פינקלען פון אונטן קיילעכדיקע שטערן,
תהומות פון ים'ען קוואַלען פון אויבן,
ווינטן, הוראַקאַנען, פון אָפּגרונד צו הערן,
כוואַליעס זינקען ווי קליינע מיקראָבן !...

זענען מיינע אויגן באַלד בלינד און קראַנק,
אָדער ליידן זיי אין שווערע אָפּטישע אירונג,
אָבער קאַליע מיין מח אָן קלאָרע געדאַנק,
אָבער זייער מח ליידט אין זעלבסט פערפירונג ? !....

*) דאָס ליד איז צוגעשיקט געוואָרן פונם קאָמיטעט פאַר הילף אין דייטשעל אַגערן, און עס איז געשריבן פון אַ ראַבינער אין אַ דייטשער שטאָט אין דער ענגלישער זאָנע. מנחת כהן איז דער פסעוודאָנים פונם מחבר.

## ד״ר יעקב מייטלים

# אזאַרטשפּילן ביי יידן

אַנמערקונג:

מיר באַדויערן וואָס דער אָריגינאַל — כ״י פון ד״ר י. מייטלים׳ן מיט וויכטיקע קריטישע הערות איז פאַרלוירן געגאַנגען. אַזוי ווי קיין קאָפּיע איז נישט פאַראַן, האָט ד״ר מייטלים אָנגעשריבן אַ נייע אַרבעט, וואָס מיר פאַרעפנטלעכן איצט, הגם אַביסל פאַרשפּעטיקט. רעדאַקציע.

*　　*　　*

קולטור־געשיכטע איז ביי היינטיקן טאָג אַ וויכטיקער צווייג פון דער אַלגעמיינער געשיכטע. זי איז ממלא אַ סך חסרונות און נישט־דערזאָגטעס פון דער אָפּט טרוקענער, זאַכלעכער פּאָליטישער געשיכטע, וואָס קאָנסטאַטירט עפּ״י רוב פאַקטן, באַריכטן וועגן געשעענישן פון דער פאַרגאַנגענהייט און מאַכט דערפון אירע אייגענע אויספירן. קומט צו גיין די קולטור־געשיכטע און ברענגט אַריין אינ׳ם עבר מער וואַרימקייט, ליכט, פאַרב און לעבן. זי רעדט ווייניקער וועגן דאַטעס און פּערזאָנען, קאָנצענטרירט זיך נישט אַרום דעם לעבן פון יחידים־העלדן און פירער פון פאָלק, אַרום מלוכות און זייערע עקספּאַנאַטן אין די מלחמות, וואָס זיי האָבן געפירט. להיפוך, פאַר דער קולטור־געשיכטע עקזיסטירט קודם כל דער צבור אין זיין גאַנצער פיל־פאַרביקייט, מיט זיין שטייגער לעבן און דערגרייכונגען, זיין פּראָגרעס און אויפטוען, אָנשויאונגען און האַנדלונגען, דער געזעלשאַפטלעכער געביי און סאָציאַלע גלידערונג, בקיצור, זי גיט די געשיכטע פון דער מאַטעריעלער און גייסטיקער קולטור פון דער מענטשהייט. זי שטעלט זיך אָפּ אויף די טאָג־טעגלעכע דערשיינונגען אינם לעבן פון פאָלק, שפּיגלט אָפּ דעם פּשוטן מענטש מיט זיינע זאָרג און גלייבונגען, זיין אַרבעט און פאַרווייַלונגען אין העלפט אויף אַזאַ אופן אַרויסשלעפּן פון די באַהעלטענישן פונם עבר אַ שלל מיט קאָלירן און פאַקטן וועגן דעם סאָציאַלן, רעליגיעזן, עקאָנאָמישן און מאָראַלישן געביי פון אַ פאָלק אין אַ בעשטימטער תקופה פון זיין געשיכטע.

אויפן געביט פון יידישער קולטור־געשיכטע, הגם עס איז געוואָרן אין די לעצטע צענדליק יאָרן אַ סך געפאָרשט און געאַרבעט, האַלטן מיר נאָך היינט כמעט ביים סאַמע אָנהייב. גאַנצע עפּאָכעס מיט זייערע סאָציאַלע און געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען זיינען עד היום נאָך פאַרדעקט מיטן שלייער פון היסטאָרישער פאַרגעסנקייט. אָפּט זיינען די ידיעות פראַגמענטאַריש, צעשאָטן איבער אַ ים פון ליטעראַרישע און אַנדערע דענקמאָלן, וואו אַ פאָרשער מיט אַ געניט אויג קען זיי אַנטדעקן און אַרויסברענגען פון זייער פאַרבאָרגעניש אינם ליכט פון טאָג. עס איז אַ זשמידנע אַרבעט פון זאַמלען רעשטלעך, ברעקלעך, זיי צונויפשטיקעווען, אָפּפרעגן און אָפּלערנען פון אַנאַלאָגיעס, כדי צונויפצושטעלן אַ שלמותדיק בילד פונם לעבן פון אַמאָליקע דורות.



פון אָט אַזעלכע פיצעלעך און שטיקלעך ידיעות, פּרובט יצחק ריבקינד *) אויפצובויען אַ קולטור־געשיכטלעכן בנין מיט פאַרנעם פון אַ געזעלשאַפטלעכער דערשיינונג, וואָס איז ביי יידן גענוג פאַרשפּרייט: דאָס אַזאַרטשפּיל. יידן זיינען נישט געווען אַנדערש פון די איבעריקע פעלקער, אין ווען מען מיט זיי האָבן געוואוינט, יידן האָבן נישט נאָר געפּראַוועט תעניתים און סגופים, אָפּגעריכט חצות און געקלאָגט אויף גלות השכינה, נאָר אויך געהאַלטן אַ ביסל פון עולם־הזה. מען האָט געלעבט אַ געזונד, פולבלוטיק לעבן, פריילעך און לוסטיק און טאַקע מיט אַ ביסל תענוגים און שפּילן. מ׳האָט ליב געהאַט גוט צו עסן און צו טרינקען, און טאַקע נישט נאָר לשם מצוה, פאַרווייַלונגען, אַ טענצל און אַמאָל אַ קערטל בצבור. דאָס איז, אַגב אורחא, נישט נאָר נוגע די פעריאָדע פון פינף הונדערט יאָר, וואָס ריבקינד באַהאַנדלט אין זיין בוך, נאָר אויך די פריערדיקע דורות. גליק־שפּילן זיינען געווען פאַרשפּרייט צווישן יידן אין דער צייט פון תלמוד און די משנה פּסקנ׳ט, אַז ווערפל־שפּילער (משחק בקוביא) און די, וואָס פאַרנעמען זיך מיט גֶעיעגן פון טויבן (מפריחי יונים) זיינען פּסול צו זיין עדות. מ׳האָט אַזעלכע פּראָפעסיאָנאַלן באַטראַכט פאַר סאָציאַל־שעדלעך און דערפאַר זיך באַוואָרענט קעגן זיי. מיר הערן אויך פון געיעגן („רייסעם" בלע״ז) פון „בהמה, חיה ועוף", אַנאַלאָג צו די היינטיקע הינט־און פערד־געיעגן. דער תלמוד דערמאָנט אויך אַנדערע אַזאַרט־שפּילן ווי למשל מיט ניס־שאָלן און מיט שאָלעכץ פון פּאָמעראַנצן. פרויען האָבן געשפּילט מיט עפּל אָדער ניס. שפּעטערע דורות האָבן געהאַט לאָטעריע־שפּילן און געוועטן, דאָס לעצטע איז דווקא היינט זייער פאַרשפּרייט צווישן די אַנגלאָ־זאַקסן און ווערט אַריינגערעכנט אַלס איינע פון די באַקאַנטע ספּאָרטן. דאָס שפּיל „דראָט און דרים", וואָס מיר הדר־יינגלעך האָבן נאָך געפלעגט צווישן זיך צו שפּילן, שטאַמט אויך פון מיטלעלטער, ווען יידן האָבן דאָס דאָזיקע גליק־שפּיל געהאַט איבערגענומען פון דער אַרומיקער וועלט.

אָבער ערשט מיטן אָנהייב פון 14־טן יאָרהונדערט האָט זיך צווישן יידן ווי צווישן גוים גענומען פאַרשפּרייטן דאָס קאָרטן־שפּיל. מיר געפינען אפילו שוין דערמאָנט דאָס וואָרט קלפים (קאָרטן) ביי אַ רבנישער אויטאָריטעט („אבן בוחן" פון ר׳ קלונימוס בן קלונימוס) אין יאָר 1322. די רבנים האָבן געפּרובט מיט אַלע מיטלען צו קעמפן קעגן דער דאָזיקער נייער שפּיל־מגפה, וואָס האָט געהאַט אַרומגעכאַפּט די יידישע וועלט. מ׳האָט דעריבער אַרויסגעלאָזט אסורים מיט חרמות און תקנות, וואָס האָבן, ווי עס ווייזט זיך אַרויס, נישט תמיד געפּועל׳ט. אַזוי, אַז אין געוויסע קהלות האָט מען געמוזט מאַכן קאָנצעסיעס דעם עולם שפּילערס. מען האָט דערלויבט צו שפּילן אין באַ־

*) „דער קאַמף קעגן אַזאַרטשפּילן ביי יידן". — אַ שטודיע אין פינף הונדערט יאָר יידישע פּאָעזיע און קולטור־געשיכטע פון יצחק ריבקינד, ניו־יאָרק, תש״ו — 1946, ביבליאָטעק פון ייוואָ, יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט, פילאָלאָגישע סעקציע, 215 ז., מיט רעפּראָדוקציעס און בילדער.

שטימטע טעג, אַזוי למשל, אין חנוכה און פורים, אָדער חולאים און אַ יולדת. מן הסתם כדי אָפּצוציען זייער אויפמערקזאַמקייט פון די שמערצן.

עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז צווישן די ליידנשאַפטלעכע קאָרטן־שפּילערס איז געווען נישט קיין קלענערער ווי דער באַקאַנטער רב פון ווענעדיק אין דער צייט פון דער רענעסאַנס, ר׳ יהודה אריה מאָדענאַ, וואָס איז אַליין געווען אַ קרבן פון דער שפּיל־תאווה, זייענדיק אין גאַנצן אַלט אַ יאָר פערצן, האָט ער אָנגעשריבן זיין באַקאַנטע סאַטירע קעגן אַזאַרט־שפּילן מיטן נאָמען „תלמיד צחקן“ אָדער „סור מרע“.

*　　*　　*

דער ערשטער ליטעראַרישער דאָקומענט אין יידיש, וואָס באַהאַנדלט די טעמע פון אַזאַרט, שטאַמט פון 15־טן יאָרהונדערט. עס איז אַ שפּיל־ליד פון שאול בן מנשה הורגלן, וואָס האָט זיך אונז אויפגעהיט אין כ״י אין מנחם אַלענדאָרפ׳ס זאַמלונג. עס איז אַ שאַרף סאַטיריש מוסר־ליד קעגן שפּילן סיי פּונוועריפּל און סיי פון קאָרטן. זיין קולטורגעשיכטלעכער באַטייט באַשטייט אין דעם, וואָס עס גיט אונז אַ געטרייע שילדערונג פון שפּילער־לעבן און פון די שפּילערס, וואָס ווערן גאָרניטש מיד אין מאַט פון זייער אַזאַרט. מיט גרויס גענויטקייט גיט אונז דער מחבר איבער אַלע פּרטים פון די שפּילן און רעדט וועגן דעם סאָציאַלן שאָדן, וואָס זיי ברענגען, און גיט צו, אַז ער אַליין האָט דערפון געליטן, זייענדיק אַ פאַרברענטער אַזאַרט־שפּילער.

די דערהאַלטענע ליטעראַרישע דאָקומענטן דעקן פאַר אונז אויף אַ שטיק יידיש לעבן פון אַמאָל. אָט הערן מיר פון אַ צווייט מוסר־ליד (וואָס גייט אָן אַלס אַן איבערזעצונג פון דעם באַקאַנטן העברעאישן שפּיל־ליד „מצחק בקוביא מכתו טריה“), וועגן דעם ביטערן סוף פון שפּילער, ווי ער מאַכט זיך אַליין אומגליקלעך און פאַרלירט בידים אַלץ, וואָס ער פאַרמאָגט. פון גרויס נויט און פאַרצווייפלונג מוז ער נעמען דעם וואַנדער־שטעקן אין דער האַנט אַריין, לאָזט זיך אַוועק אויף דער וואַנדערשאַפט, פאַרגעסט אין זיינע פליכטן אין אין גאָט, פאַרשוועכנדיק אַלץ, וואָס איז הייליק. דער סוף איז, אַז זיין גלאַנץ פאַמיליע־לעבן ווערט צעשטערט און ער פאַלט אַלץ טיפער און טיפער.

אין אַ ווידוי־ליד פון 1719 שרייט אַ מחבר אויס, אַז צוליב דעם קאָרטן־ און ווערפל־שפּיל איז ער בדלות געוואָרן. ער איז תמיד געווען אַ קרבן פון די שפּילערס, וואָס פלעגן אים כסדר אָפּנאַרן. אויך אַנדערע לידער רעדן וועגן די „גרינע“, וואָס קענען נישט די מלאכה פון שפּילן און פאַרלירן.

אַ לעבעדיקן גערוס באַקומען מיר אויך פונם לעבן פון די דאָרפס־יידן, וואָס זיינען אָפּגעריסן פון אַ מקום תורה און וואָס זייער לעבן איז גרוי און וואָכעדיק. אָט ווערן זיי געמוסרט פון באַרימטן יידישן מוסר־ספר „שמחת הנפש“ (פון סוף 17־טן און אָנהייב 18־טן יאָרהונדערט), וואָס זיי זיינען נישט עסוק אין תורה, נאָר פטרן די צייט אין שפּילן, אפילו אין אַ תענית אָדער סליחות־טעג.

אינטערעסאַנט איז אויך אַ ליד, וואָס ריבקינד אינטערזוכט, וואָס איז



„דאָס איינציקע ליד ניט קענען נאָר וועגן שפּילן“ (ז׳ 25). עס איז אַן אמת׳ער קוריאָז, ווייל אין אים באַציט זיך דער מחבר פּאָזיטיוו צום שפּילן, ווי צו אַ מיטל פון אָפּרו און פאַרווייַלונג. ער גיט אפילו דעם שפּילער עצות, ווי זיך אויסצוהיטן קעגן שקרים און ווי אַזוי צו שפּילן, כדי נישט אָנצוווערן.

„גאַנץ לעבעדיק, פול מיט הומאָר, גוטמוטיק און וויציק ווערן געשילדערט די פּראָפעסיאָנעלע קאָרטנשפּילער, וואָס האָבן אַ גרויסן שם אין „טייטש לנט“ (דייטשלאַנד) דורך זייערע ביטערע מעשים און פאַלשע דרכים. איינעם פון זיי, משה ווינער, וואָס מע געפינט „זיין גלייכן ניט פיל“, באַטיטלט ער ווי „איין גרושער למדן אין שפּיל“. (ז.26). דער מחבר ווייס אפילו צו דערציילן פון אַ פאַרקאָכטן קאָרטן־שפּילער, אַ ייד מיטן נאָמען מרדכי, וואָס אין ברען פון שפּיל פלעגט ער איינשטעלן זיין טלית און תפילין.

אפשר מיינט איר, אַז אונזער מחבר האָט אויף אַ האָר איבערגעטריבן אין זיין רעאַליסטישע שילדערונג מכח דעם קאָרטאָוניק ר׳ מרדכי, קומט מיט אַ זעקס הונדערט יאָר פריער ר׳ יוסף כספי פון דרום־פראַנקרייך (1340־1280) און לאָזט אונז הערן, אַז אין זיין צייט האָבן זיך געפונען בעלים, אַזאַרט־שפּילערס, וואָס פאַרקויפן אַ ספר־תורה, אבי צו שפּילן מיט דעם געלד אין ביינדלעך (ז.26)

פון די אַלט־יידישע שפּיללידער גייט ריבקינד אַריבער צו אונטערזוכן דעם עלעמענט פון שפּילן אין יידישן פאָלקסגעזאַנג. תמיה׳דיק קאָנסטאַטירט ער דעם פאַקט, אַז שפּילן האָט בדרך כלל געהאַט אַ שוואַכן אָפּקלאַנג אין פאָלקסליד. „דירעקטע שפּיללידער זיינען פאַרהאַן ניט פיל. דאָס ביסל וואָס איז פאַרבליבן און צענויפגעזאַמלט, איז אויך פראַגמענטאַר און פאַרבייגייענדיק..“ (ז.28). אפשר איז דאָס טאַקע דערפאַר, וואָס שפּילן האָט מען באַטראַכט אַלס אַ מידה מגונה, אַלס עבירה און צוליבדעם האָט דאָס פאָלקס־ליד, וואָס זינגט אַממייסטן פון ליבע און פאַמיליע־לעבן, דעם מאָטיוו כמעט ווי נישט באַרירט. אַמאָל אָבער רייסט זיך אַדורך אין אַ שורה פון אַ ליבע־ליד אַ טיפער ווייגעשריי פון אַן אָפּגענאַרטער יידישער טאָכטער, וואָס איר מאַן איז אַ טויגעניכטס, אַ שכור און שפּילט כסדר אין קאָרטן.

פון אַ פּאָר קורצע קאָרטנלידלעך, וואָס ריבקינד ציטירט, הערט זיך אַרויס דער דראַנג צום לעבן אויף דער יידישער גאַס. אין איינעם פון די לידלעך ווערט געזונגען:

לאָמיר גיין אין גאָרטן,
לאָמיר שפּילן אין קאָרטן....

קולטור־געשיכטלעך איז אינטערעסאַנט צו דערגיין, וואָס פאַר אַ וויכטיקע ראָלע דער גאָרטן האָט געשפּילט אַמאָל אויף דער יידישער גאַס. מען גייט אין גאָרטן אַריין נישט נאָר זיך אָפּצורוען, אויף אַ שפּאַציר און כאַפּן אַ ביסל פרישע לופט, נאָר טאַקע אויך צו מאַכן אַ קערטל....„דער גאָרטן“, פירט ריבקינד אויס“, האָט געשפּילט אין אַלע צייטן אַ גרויסע ראָלע אויף האָבן געגאַרט נאָך אַ ביסל פאַרגעניגן און עולם הזה....פאַר די אַלע וואָס

דער יידישער גאַס. עס איז געווען דאָס אַנטרינונגס־אָרט פאַר די אַלע וועלכע האָבן געוואָלט אַ ווײַלע זיך באַפרייען פון דעם שווער לעבנסיאָך, אַרויסרייסן זיך און אַנטלויפן אויף אַ ווײַלע פון די ענגע מויערן פון דער יידישער גאַס און פון דעם שטרענגען רעליגיעזן לעבן פון שטוב. איבערהויפּט פאַר די יידישע האַרעפּאַשניקעס. . . . איז דער גאָרטן געווים געווען דאָס איינציקע אָרט, וואו מען האָט געקענט פריי אָטעמען און פריי זיין בכלל“ (ז.32).

* * *

ווייזט זיך אויס, אַז דאָס יידישע אַמסטערדאַם פון 17־טן און 18־טן יאָרהונדערט איז שוין גאָר נישט געווען קיין פאַרשלאָפן אָרט. דאָרט האָט תמיד פּולסירט אַ געזונד און פולבלוטיק יידיש לעבן מיט אַלע זיינע מעלות און חסרונות. דער יידישער עולם האָט טאַקע פון אַביסל עולם הזה זיך נישט אָפּגעזאָגט און מען האָט הנאה געהאַט פון אַ פאַרווײַלונג אין פון אַ קערטל בצבור. ריבקינד דערציילט אונז, אַז אין אַמסטערדאַמער געטאָ האָבן אין די דעמאָלדיקע יאָרן עקזיסטירט אפילו שפּילהייזער, וואו דער עולם פלעגט זיך צונויפקומען מאַכן אַ קנדטל, און קעגן וועלכע עס האָבן געדינט אַשאַרפן קאַמף סיי די פּרטוגעזישע און סיי די אשכנזישע קהילות.

אויך פרויען פון יענעם דור זיינען אין אַמסטערדאַם נישט געווען הינטערשטעליק לגבי די מענער. אַז פרויען האָבן עסוק געווען אין אַזאַרטשפּילן, האָבן מיר שוין אויבן דערמאָנט. אַ לעבעדיקן געדרוס ווי אַזוי יידישע ווייבער האָבן געשפּילט מיט אַ הונדערט און פופציק יאָר צוריק אין אַמסטערדאַמער געטאָ, באַקומען מיר פון שלמה דייקלערס קאָמעדיע „עז שפּיהל בזוהך“ (שפּיל באַזוך).

אויך דאָס לאָטעריע־שפּיל איז געווען פּאָפּולער אויף דער יידישער גאַס. מיר הערן אפילו פון אַ יידישער לאָטעריע אין 18־טן יאָרהונדערט און ריבקינד ווייס צו דערציילן, אַז „דער ערשטער עפנטלעכער קאַמף קעגן לאָטעריע איז פאָרגעקומען אין פירט. אין יאָר 1764 איז דאָרטן אויפגעקומען די לאָטעריע און מען האָט שטרענג געאַסר׳ט צו נעמען אַנטייל. פיר מענטשן וואָס האָבן עובר געווען אויפן אסור זיינען הארב באַשטראָפט געוואָרן“. אין האָלאַנד, דאַקעגן, איז שפּילן אין לאָטעריע, ווייזט אויס, נישט געווען קיין עבירה. אין די שאלות־תשובות פונם לעצטן יאָרהונדערט געפינען מיר אויך אַן אָפּקלאַנג פון פאַרשיידענע סכסוכים אַרום לאָטעריע געווינסן.

אין דער נייער יידישער ליטעראַטור איז לעווין אַבראַם ליאָן דאָר געווען דער ערשטער צו באַקעמפן לאָטעריע מיט זיין שפּאָט־ליד „די פאַלשע האָפענונג“, וואָס איז געווען אין צייט זייער פּאָפּולער. אין זיין „גאָט, מענטש און טייוול“ האָט יעקב גאָרדין פאַרשטעלט דעם טייוול, וואָס פירט דעם פרומען הערשעלע דובראָוונער אַראָפּ פון דרך הישר, אין דער געשטאַלט פון אוריאל מזיק, וואָס פאַרקויפט לאָטעריע־צעטלעך. אויך שלום עליכם האָט געשטעלט דעם לאָטעריע צעטל אַן אייביקן אָנדענק אין זיין קאָמעדיע „דאָס גרויסע געווינס“ און אין זיין דערציילונג „פינף און זיבעציק טויזנט“.



* * *

מיטן אָנקום פון דער נייער צייט איז געקומען אַ קאָמפּלעטער איבערבראָך אינם יידישן לעבן. דאָס פרומע, פּאַטריאַרכאַלישע יידישע לעבן האָט גענומען פאַרשווינדן. „ס׳האָבן אָנגעהויבן בלאָזן נייע ווינטן, אַריינדרינגען נייע ניט־געוואונטשענע לעבנס־פאָרמען“. דער נייער דור פון די זעכציקער און זיבעציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט האָט זיך גענומען אויסמענטשלען און נאָכמאַכן די לעבנס־מאָדעס פון דער אַרומיקער וועלט. מ׳האָט געמיינט, אַז מיט אַן אויבנאויפיקער צופּאַסונג און אַסימילאַציע קויפט מען זיך אַרומיקע וועלט. מ׳האָט געמיינט, אַז מיט אַן אויבנאויפיקער צופּאַסונג און אַסימילאַציע קויפט מען זיך איין דעם נדן ביי דער גוישער וועלט. מ׳האָט דעריבער אַ סך געהאַלטן פון „הולטייען, שכרות און קאָרטן“. (ז.71).

דער פאָלקסדיכטער אליקום צונזער באַנוצט שאַרפע און ביטערע ווערטער אין אַ ריי פון זיינע צייטלידער וועגן דעם ניי־מאָדישן טיפּ אַסימילאַטאָר־„אַריסטאָקראַט“, וואָס פאַראַכט דעם ייד, גייט אין די קלובן הוליעט און פאַרשפּילט אַ סך געלט אין קאָרטן ש. פרוג האָט אויך אַ סאַטיריש ליד אויף די נייע צייטן, ווען מ׳האָט אַוועקגעוואָרפן דאָס גאַנצע ביסל יידישקייט און מ׳זיצט נאָר אין די קלובן גאַנצע נעכט און מ׳שפּילט אין קאָרטן. אין מאָרים ווינטשעווסקי׳ס לידער הערט זיך שאַרף דער סאָציאַלער מאָטיוו. עס איז אַ פּראָטעסט פון קעגן די רייכע, וואָס פירן אַ פּוסט לעבן און פאַרשפּילן גרויסע סומעס געלט אין קאָרטן, און הן קעגן די אָרימע יידישע אַרבעטער, וואָס פאַרתכלעווען זייער שווער אָנגעהאָרעוועטע מי און פּראַצע אויף אַזאַרט“ (ז.75).

עס איז דאָ נאָך אַ גאַנצע פּלעיאַדע פון פאָלקס־דיכטער, זינגער, בדחנים, דיכטער און שרייבער, וואָס רעאַגירן, אָפּט פראַגמענטאַר, אגב־אורחא׳דיק, אויף די שעדלעכע דערשיינונגען פון אַזאַרט־שפּילן. צווישן די מאָדערנע דיכטער ציטירט ריבקינד, א. ליעסינען, ז. סעגאַלאָוויטש׳ן א.א. צווישן די פאָלקסטימלעכע דיכטער איז י. י. לינעצקי, וואָס האָט אָנגעשריבן אַ שאַרף ליד קעגן שפּילן מיטן נאָמען „דער קאָרטנשפּיל“, וואו ער שילדערט די סכנות, וואָס קאָרטן און אַזאַרט בכלל ברענגען דעם מענטש און וואָס ענדיקט זיך עפ״י רוב מיט אַ מאַטעריעלער און גייסטיקער ירידה. אגב, אַ ליד, וואָס לויט זיין גאַנצן מהות איז גאָרנישט כאַראַקטעריסטיש יידיש און ריבקינד שטעלט זיך אָפּ אויף דעם מער, ווי עס פאַרדינט.

אַ קאַפּיטל אין זיין שטודיע ווידמעט ריבקינד דעם קאָרטנשפּיל לויטן מאָדערנעם נוסח, נוסח אַמעריקע. מיר קענען פון אונזער זייט מוסיף זיין, אַז דאָס איז אויך נוסח ענגלאַנד. די שרעקלעכע חולאת, וואָס האָט זיך ווי אַ וואָרעם איינגעפירט אין אונזער געזעלשאַפטלעכקייט און נאַציאָנאַלן לעבן, און וואָס פאַרשוועכט יעדן זין פון אָנשטענדיקייט און טאַקט, איז געוואָרן אין אַ געוויסן זין לעגאַליזירט, האָט באַקומען אַ געזעלשאַפטלעכע פונקציע און סטאַטוס. עס איז געוואָרן, ווי ריבקינד דריקט זיך אויס, אַ „קאָרטן של מצוה“. מ׳כשר׳ט דאָס קאָרטנשפּיל דערמיט, וואָס מען באַנוצט זיך דערמיט

פֿאַר אַ דבר מצוה. און וואָס טוט מען אַלץ נישט, כּדי מקיים זײַן אַ מצוה, בפֿרט נאָך, ווען מען האָט דערבײַ פֿאַרגעניגן און מען קען נאָך מאַכן אַ פּאָר גילדן!

געפֿינען זיך שטענדיק נאָבלע גבאים פֿון חברות און גאָטספֿאַרכטיקע ווײַבער, וואָס העלפֿן שאַפֿן געלד פֿאַר אַ דבר מצוה. ווײַס מען פֿון אײן פּאַרטל: מ׳אַראַנזשירט אַ קאָרטן־שפּיל בציבור. ווײַל מען אויסהאַלטן אַ בית־יתומים, צי אַ מושב־זקנים, ווײַל מען שאַפֿן אַ פֿאָנד פֿאַר חנוך, פֿאַר יידישע שולן, ווײַל מען העלפֿן אויפֿבויען ארץ ישראל, צי ראַטעווען די שארית הפליטה פֿון נויט און אונטערגאַנג, — האָט מען דעם בעסטן תירוץ אײַנצואָרדענען אַ.. „קאָרטן־פּאַרטי“. אי מ׳האָט אַ הנאה דערפֿון און אי עס איז גלאַט שײן..! קומט מען זיך טאַקע צונויף אין די אָנגעזעענע הײַזער און מ׳פּראַוועט צדקה ברבים, מ׳קנאַקט אין קאָרטן, אַז ס׳גײט אַ רויך. עס איז דאָך לשם מצוה און וואָס טוען אונזערע יידלעך אַלץ נישט, כּדי מקיים צו זײַן אַ מצוה. מ׳איז מטהר דעם שרץ טאַקע מיט ק״ן טעמים. אַבי נאָר צו קענען שפּילן. די הימל־שרײַערישע געשמאַקלאָזיקייט און געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרוויסטונג איז אפֿילו אַזוי ווײַט דערגאַנגען, אַז אין די סאַמע בלוטיקסטע יאָרן פֿון די שחיטות אין פּוילן, זײַנען געזעסן יידן, מענער און פֿרויען, יונג און אַלט, אין די געמיטלעכע הײמען פֿון די פֿרײַנדלעכע גאַסטגעבער און באַקלאָגט דעם נאַציאָנאַלן בראָך מיט אַ קאָרט אין דער האַנט.... מ׳איז דאָך אויסן געווען פּדיון שבוים, העלפֿן די אַנטרונענע פֿון די גאַז־אויוונס. דער נאָבלער הומאַניטאַרער צוועק האָט געזאָלט איבערוועגן און פֿאַרדעקן די שענדלעכקײט פֿון אונזערע מעשים!

שפּראַך — און קולטור — געשיכטלעך וויכטיק איז דאָס קאַפּיטל שפּיל־לשון אין ריבקינדס אַרבעט. עס שטײען מיט אַ מאָל אויף צו תּחיית המתים אַלטע ווערטער, זאַפֿטיקע אויסדרוקן און רעדענסאַרטן, ווענדונגען און באַגריפֿן, וואָס האָבן אַמאָל אָפּגעהילכט אין די הײמען פֿון אונזערע טאַטעס און זיידעס. לאָמיר זיך טאַקע דערמאָנען, אַז אַ פּעשל אָדער טעשל קאָרטן, האָט מען אויך אָנגערופֿן תהלים׳ל, ש״ס, שס״ל, וכד׳. פֿאַרשײדענע שפּילן האָט מען אָנגערופֿן מיט כּל־המיני נעמען. אָט למשל: לאַנג־והוא־רחום, אָקס, טערטל־מערטל, פּרעפֿעראַנס א.ז.וו. חסידים האָבן צוליב פֿרומקײט געשפּילט אין קוויטלעך, וואָס זײַנען געווען אָן פֿיגורן און מעטשלעכע צורות. אין אונזער געגענט האָט מען געזאָגט אויף קאָרטן־שפּילן תּקונ׳ען.

פֿון אַ באַזונדערן ווערט איז די רשימה־טערמינען פֿון שפּיל־לשון, וואָס איז געדרוקט אויף ז.209-205.

באַטראַכטנדיק ריבקינדס סיסטעמאַטישע און גרינדלעכע פֿאָרם־אַרבעט, וואָס איז דערווײַל אַ „נאָווום“ אויפֿן געביט פֿון דער יידישער ליטעראַטור־און קולטור־פֿאָרשונג, מוז מען אין זינען האָבן, אַז ער האָט נישט בדעה געהאַט צו פֿאַרפֿאָלגן דעם.קאַמף־ קעגן אַזאַרט בײַ יידן אין אַלע זײַנע פֿאָזעס, נאָר אַרויסצואַרבעטן דעם אַנטי־אַזאַרט מאָטיוו אין אײן ליטעראַרישן צווײַג,



אין דער יידישער ליטעראַטור פֿאַר די לעצטע פֿינף הונדערט יאָר. טאָר מען טאַקע נישט פֿאַרגעסן, אַז דער קאַמף קעגן די דאָזיקע שעדלעכע געזעלשאַפֿטלעכע דערשײנונג האָט אָנגענומען פֿאַרשײדענע פֿאָרמען און איז געוואָרן געפֿירט מיט כּל־המיני מיטלען. קודם כּל האָט זיך דער קאַמף געפֿירט אויפֿן רײַן רעליגיעזן באָדן. סײַ די רבנישע אויטאָריטעטן ווי די קהלות און סײַ די מוסר־ליטעראַטור האָבן אין אַזאַרט געזען אַ השחתת המדות, אַן אַראָפּגײן פֿון דרך הישר, וואָס מ׳האָט מיט אַלע כּוחות געפּרובט אָפּשטעלן. פֿאַר די רעליגיעזע קרײַזן איז געווען קלאָר, אַז דעם ייד׳ס אויפֿגאַבע איז עוסק צו זײַן אין תורה און זיך נישט אָפּגעבן מיט טפֿלות און דברים בטלים. יעדע פֿרײַע מינוט פֿון אַ מענטש געהער כּביכול צו גאָט, און דער מענטש האָט נישט דאָס רעכט זי צו פֿאַרטכלעווען. אחוצדעם איז אַזאַרט געוואָרן באַטראַכט פֿאַר נישט־מאָראַליש. מען האָט אויף שפּילן געקוקט ווי אויף אַ מיטל זיך צו באַרײַכערן אויף נישט קײן ערלעכן אופֿן. דאָס געווינס איז דערפֿאַר געווען פֿאַרן יידנטום אידענטיש מיט גניבה און גזילה מהאי טעמא האָט טאַקע די משנה, ווי מיר האָבן שוין געזען, געפּסלט די שפּילערס אַלס כּשרע עדות.

דער חידוש, וואָס ריבקינד באַווײַזט אונדז, איז אַז דער אַזאַרט איז אויך געוואָרן באַקעמפֿט דורך די יידישע ליטעראַטור. צוליבדעם האָט ער זיך גענומען מעטאָדאָלאָגיש־קריטיש צו אינטערזוכן און באַלײַכטן די פֿאַרשײדענע אויפֿגעהיטע טעקסטן און ליטעראַרישע דאָקומענטן און אויפֿן פּאָן פֿון זײַן ליטעראַר־קריטישן אַנאַליז אָנגעוואָרפֿן אַ לעבעדיק, צאַפּלדיק בילד פֿון יידישן פֿאָלקסלעבן פֿאַר די לעצטע עטלעכע הונדערט יאָר, וואָס איז אַ וואָגיקער בײַטראָג צו דער זיטן־און קולטור־געשיכטע פֿון יידישן פֿאָלק.

ריבקינדס אַרבעט איז פֿאַרזען מיט אַ רײ וויכטיקע טעקסט־הוספֿות און רעפּראָדוקציעס, בפֿרט די רעפּראָדוקציע פֿון דער אינטערעסאַנטער הומאָרעסקע פֿון שלמה דויקלער, „עז שפּיהל בזה׳ך“, געדרוקט תקס״ב. צום סוף קומען נאָך עטלעכע רשימות און זוכצעטלען.

דעם ייוואָ קומט אַ באַזונדערער יישר־כּח פֿאַר דער פּינקטלעכער און שײנער אויסגאַבע פֿון ריבקינדס בוך, מיט וואָס דער אינסטיטוט איז ממשיך זײַן טראַדיציע פֿון אַ הויכער בוך־קולטור. מיט דער דאָזיקער פּובליקאַציע האָט דער ייוואָ ווידער אַמאָל דערמעגלעכט אַ פֿאָרשער פֿון דעם ראַנג פֿון ריבקינדן צו לייגן דעם יסוד פֿאַר אַ נײַ פֿאָרם־געביט, וואָס, לאָמיר האָפֿן, וועט אונטער די געניטע הענט פֿון די ייוואָ־פּאַכלײַט זיך נאָך ברײטער און שטאַרקער צעוואַקסן און העלפֿן פֿאַרשפּרײטן מער ליכט איבער אַ ביז איצט נאָך פֿאַרהוילענעם ווינקל אין יידישן פֿאָלקסלעבן. דווקא הײַנט, בשעת אַ שטיק אָרגאַניש און זאַפֿטיק יידיש לעבן איז געוואָרן אַזוי אכזריותדיק צעשטערט, איז פֿאַר אונדז באַזונדערס טײַער די וויכטיקע אַרבעט, וואָס ייוואָ טוט, צולייגנדיק אַ ציגל נאָך אַ ציגל צו דעם גרויסן בנין פֿאַר דער דערפֿאָרשונג פֿון דער קולטור, ליטעראַטור און שפּראַך פֿון דעם גרויסן און וואָגיקן מזרח־אײראָפּעאישן צווײַג פֿון יידישן פֿאָלק אין גאָר דער וועלט.

לאָנדאָן, 30-1-47

## בן-א. סאַכאַטשעווסקי

# וואָס איך דענק וועגן למך׳ן

ליבער חבר א. נ. שטענצל,

איך מוז מיך מודה זיין, אַז מיר קומט אָן פריקרע נאָכצוקומען אייער בקשה צושרייבן וואָס איך, דער מחבר פון „למך" און „למך השני", דענק וועגן זיי. איר ווייסט דאָך אַז ביי יעדן טאַטן זיינען ליב און טייער זיינע קינדער, און איך שליס מיך ניט אויס פון דעם כלל.

גלויבט מיר, אַז איך וואָלט מיך ניט אונטערגענומען אַרויסצוזאָגן אַ מיינונג בנוגע מיינע אַנדערע ווערק. למך איז אָבער ביי מיר אַזעלכער צו וועלכן איך באַצי מיך ווי צו אַ נאָנט־וויטן, ווי צו איינעם וועגן וועלכן איך קען אַפילו ריידן מיט אַ קריטישן בליק. צוליב דעם וועל איך מיר ערלויבן צו זאָגן אייניגע ווערטער וועגן אים.

לויט מיין אויפפאַסונג און געדאַנקען־צוזאַמענשטעל איז למך אַ פּראָדוקט, וואָס בלויז ווייטשעפּל האָט געקענט אַרויסברענגען אויף דער ליכטיקער שיין. אין אים איז איינגעקערפּערט ניט איינער נאָר אַ גאַנצע רייע טיפּן פון היגן געזעלשאַפטליכן, קולטורעלן און יידישן ליטעראַרישן לעבן. ער איז אויסגעקנאָטן געוואָרן פון דאָס סאַמע בעסטע וואָס מיר האָבן דאָ פאַרמאָגט און פאַרמאָגן נאָך ביז היינט צו טאָג. אין זיינע נאָז־לעכער אָטעמט דעם סם החיים, און זיין נשמה איז אַ צוזאַמענגוס פון אַלעם וואָס איז שיין, ערהאַבן און אמת אין ענגליש־יידישער־יידישקייט מיט אַלע אירע מעלות און חסרונות.

למך האָט ניט ליב דאָס מאוס׳ע, די נאָכקרימעניש, דאָס פאַרדרייטע פּנים, ווייל ער רעוואָלטירט געגן אַלעם וואָס איז פאַלש און ניט אויפריכטיק. ער חוזק׳ט אָפּ פון אַלע, וואָס זען דעם אויפבוי אָדער די צוקונפט פון היגן יידישן לעבן דורך בלויע ברילן פון האַלבער אָדער גאַנצער אַסימילאַציע.

למך האָט אויף זיך גענומען אַ גאַנצע רייע אויפגאַבן, וואָס ער האָט זיך באַמיט צו פאַררייניקן אין זיינע צוויי ווערק, אָבער די וויכטיקסטע פון זיי איז געווען צו פאַרצייכענען די פּשוט׳ע און אמת׳ע יידן, וועלכע לעבן דאָ אָדער האָבן געלעבט און אויסגעאיבט זייער השפּעה אויף דער לעבעדיקער יידישער גאַס.

ער האָט מורא געהאַט אַז די געשיכטע וואָס וועט דאָ אַמאָל געשריבן ווערן וועגן אונזער צייט, זאָל זיך ניט אָנהויבן און ניט פאַרענדיקן אויף דעם זעלבן אַלטן שטייגער מיט שולן, אינסטיטוציעס, שתדלנים, יהודים און „פירער" און די פּשוטע עמך זאָל אינגאַנצן פאַרנאַכלעסיקט ווערן, למך האָט דערפאַר געצילט צו שילדערן די באמת שאַפנדיקע כחות פון אונזער היגער אָרימער יידישקייט.

לויט מיין מיינונג האָט למך דערגרייכט דעם דאָזיקן צוועק אין „למך" און „למך השני". ער האָט ניט געפונען פאַר מעגליך זיך צו באַנוצן מיט אַ אַנדערן פאָרם צוליב טעכנישע און מאַטעריעלע סבות. וואָלט ער געהאַט די מעגלעכקייטן דאַן וואָלט ער אפשר זיינע העלדן, פּערזענליכקייטן און אַלע אַנדערע,



וועלכע ער האָט דערמאָנט, אַרויסגעבראַכט אין פּראָזא אויף אַ פיל פולערן און ברייטערן מאַסשטאַב און זיך ניט באַגנוגנט בלויז מיט קורצע כאַראַקטעריזירונגען. צום באַדויערן אינטערעסירט זיך דאָ ניט קיינער מיט דער וויכטיקייט פון אַזאַ אַרבייט. מיר האָבן דאָ אויך ניט קיין יידישן פערלאַג וואָס זאָל זיין ווילי‍ג אַראָבצונעמען פון מחבר דעם עול פון צו זיין פאַראַנטוואָרטליך פאַר די דרוק הוצאות און זיך ניט דאַרפן אַרומשלעפן ווי אַ שנאָרער און אָפּט מיט בושה, אָנבאָטן דעם פאַרקויף פון איינצעל־בוך צו אַ גוטהאַרציקן יידישן יחיד.

למך איז דאָס ווערק ניט בלויז פאַר דער קעגנוואַרט נאָר אויך פאַר דער צוקונפט. איך גלויב, אַז דער אויפריכטיקער געשיכטע פאָרשער וועט זיך באַנוצן מיט „למך" און „למך השני" אויב ער וועט וועלן האָבן אַ קלאָר בילד וועגן אונזער צייט, אונזער לעבן און אונזער טעטיקייט.

פאַר מיר אַליין איז למך דער לעבעדיקער און אָטעמדיקער מענטש מיט וועלכן איך בין פאַר יאָרן לאַנג אַרומגעגאַנגען האַנד אין האַנד. איך האָב אים ליב געקראָגן און ער איז געוואָרן אַ טייל פון מיין אייגענעם איך. אַפילו זיין פרוי, טעכטער, איידים און אייניקל האָבן זיך מיט ליבשאַפט איינגעבאַקן אין מיין האַרצן אַ דאַנק זייער גוטמוטיקייט, חכמה, נאַרישקייט, הומאָר און ערנסט.

איך צווייפל שטאַרק אויב מען וועט זיך באַמיען מיך צו פאַרשטיין, ווען איך וועל זאָגן, אַז ניט איך האָב למך׳ן באַהערשט, נאָר פאַרקערט ער האָט מיך געהאַלטן אונטער זיין איינפלוס, און נאָך איצט האָב איך דעם איינדרוק ווי ער גייט מיר נאָך אונרעדט צו מיר מיט פאַרדרוס פאַרוואָס איך לעבן שוין זיך צו באַפרייען פון אים.

ער וויל זיך אַפילו מיטכאַפּן מיט מיר אויף מיין איצטיקער געפּלאַנטער רייזע קיין קאַנאַדע און אַמעריקע, וואָס איך האָף אין גיכן בדעה צו מאַכן מיט מיין ליבע פרוי, שרה. ער וויל אַז איך זאָל אים שוין משנה שם זיין אויף „למך השלישי." ער זאָגט מיר אַז ער וועט מיך באַלוינען מיט דעם וואָס ער וועט אויף דער רייזע אויפכאַפּן נייע טיפּן וואָס איך וועל אָנטרעפן אויף מיין נסיעה. איך ווייס נאָך ניט אויב איך וועל זיין בקשה נאָכקומען, אָדער מיר וועט ענדלעך געלונגען זיך צו באַפרייען פון זיין השפּעה כדי איך זאָל מיך קענען אומקערן צו מיין אייגענעם איך אַלס דיכטער און משורר וועגן די ליידן און האָפנונגען פון מיין פאָלק.

איר מוזט מיר מוחל זיין, וואָס איך שרייב אויף אַזאַ מין אופן וועגן למך׳ן, און די סיבה איז בלויז וואָס איך פיל אים אָפּט אַרום זיך ווי אַ צווייטער פון מיין אייגענעם איך. דער העלד וועלכן איך האָב אויסגעחלומט איז געוואָרן ווי אַ שטיק בעל הבית איבער מיר. איך האָב מאַנכסמאָל דעם איינדרוק ווי למך איז מיך, זיין שאַפער, אַריבערגעוואַקסן, און איך ראַנגל מיך מיט אַ כח וואָס איז פיזיש און אפשר גייסטיק פיל שטאַרקער געוואָרן פון מיר אַליין.

איך וויל ניט אַרויסזאָגן מיין מיינונג וועגן דער ליטעראַריש־דיכטערישער און קינסטלערישער ווערט פון „למך" און „למך השני". דאָס לאָז איך איבער

צו אַנדערע וואָס באַשעפטיקן זיך מיט קריטיק, רייסט אַראָפּ אָדער לויבט למד׳ן. פאַר מיר וועט דאָס קיין אונטערשיד ניט מאַכן. איך האַלט שטאַרק פון למד׳ן און ער איז גענוג דערוואַקסן, פיזיש און גייסטיק שטאַרק כדי צו קענען באַאיינפלוסט ווערן פון וועלכן עס איז געדאַנק איבער אים.

אָט דאָס, ליבער חבר, שטענצל, איז מיין אויפריכטיקע מיינונג איבער למד׳ן, און איך האָף אַז איר און אַלע, וועלכע ער האָט כאַראַקטעריזירט אין קורצע שטריכן בלויז וועלן אים מוחל זיין אויב ער האָט אַמאָל געזאָגט אַביסל איבערצוכאַפּן די מאָס. איר מעגט מיר אָבער גלויבן, אַז ער האָט קיין שום בייזע כוונות ניט געהאַט. בלויז זיין ליבע און איבערגעבנקייט צו מענטשן האָט אים באַוואויגן צו פאַראייביקן אַלע וואָס ער האָט געקענט, און צו פאַרצייכענען אַלעס וואָס ער האָט געהערט און געזען.

מיט חברישן און קאָלעגיאַלן גרוס,

אייער,

**בן-א. סאכאטשעווסקי.**

## אייזיק גאָלדבערג

### ס. פאַלמע

איך פּרעטענדיר נישט צו זיין אַ קריטיקער, ווייל קריטיק ס׳רוב איז פאַרבונדן מיט דער נעגאַטיווער זייט, און דאָס לאָז איך איבער פאַר די וועלכע פילן זיך באַרופן צו געבן קריטישע אָבהאַנדלונגען.

אַלס ליבהאָבער פונם יידישן וואָרט, באַזונדערס פון דעם דיכטערישן פערז וועלכעס איז מיר זער נאָנט, דערלויב איך מיר אַרויסצוזאָגן מיין מיינונג, וועגן דעם לעצט דערשינענעם בוך, „רינגען און קייטן“ און וועגן דעם דיכטער פאַלמעס שאַפונג בכלל.

איך האָב אַלע מאָל פאַרפאָלגט פאַלמעס דיכטעריש וואָרט, און בין שטילערהייט זיינס אַ פאַרערער.... ווייל יעדעס געדיכט זיינס האָט אָפּגעשפּיגלט אַ שטיק אַקטועל לעבן פון דער צייט אין וועלכער מיר האָבן אַדורכגעלעבט. געוויס שרייבן אַלע דיכטער הויפּטזעכלעך פון דער צייט אין וועלכער זיי לעבן. אָבער וויכטיק איז אין וועלכן פאָרם זיי שרייבן. וועלכער קלאַנג און וועלכער טענדענץ ווערט אין דעם געדיכט אַריינגעגעבן.

שוין ביים אָנהויב פון זיין ערשטן געדיכט פונם בוך „רינגען און קייטן“ אַנטפּלעקט זיך פאַלמעס פּאָליטישע אָנשויאונג אַז דער אַרבעטס מענטש און דער סתם פאָלקס־ייד איז זיין פּאַרטיי.

אָט וואָס ער זאָגט אין דעם געדיכט „מיין פאָלק — מיין פּאַרטיי“:

פּערפּעטואל איז דער וואַנדערגאַנג פון מיין פּאַרטיי,
אָט די פאָלקס־מענטשן, זיי: —



די שוסטערס, די שניידערס, דער שמיד
און סתם דער ייד
מיט „מאַזאָליעס“ אויף די הענט און גאָט אין האַרץ....
אָט די מידע, שטענדיק איינגעריסט און שוואַרץ,
דער אָפּצייכנונג און פּראָגראַם פון מיין פּאַרטיי,
אָט די וואַזשנע צוויי,
ליגט אין ריטם־גאַנג, פון האַרץ און מוח, —
ס׳איז דער גלויבן דער באַראָמעטער, וואָס מעסט זיין כח...
און ער ענדיגט,
מיט מיין גאַנצן געביין,
מיט זיי איז מיין געלעכטער און מיט זיי איז מיין געוויין.

דער גרעסטער טייל פון פאַלמעס פּאָעמען מאַכן אין ערשטן בליק דעם איינדרוק ווי צעוואָרפענע, נישט געאָרדענטע ריימען. אָט באַשטייט אַ פערז פון אַ וואָרט, צוויי, דריי, אָדער אַ גאַנצע שורה, רייכט ס׳מאָלט נישט אויס. דאָך ווען מ׳נעמט זיי ליינען, אַזוי צושפּילן זיך פון זיך אַליין די אַקאָרדן און טאַקט, ריטם און קלאַנג. עס איז אַ מין קינסטלעריש געוועב, וועלכעס דערמאָנט אונז אין אַ פיינעם געוועב פון אַ שפּין, אָט ציט זיך אַ פאָדים, אַ לענגערער, נאָך אַ לענגערער. דערביי קעסטלט זיך אויס אַ מין קינסטלעריש געוועב אין אַ אָפּגעשלאָסענעם קרייז.

פאַלמע וועבט זיינע פּאָעמען איינגאַרטיק אויף זיין אייגענער קאַנווע. כמעט יעדע פּאָעמע האָט אַ באַגייסטערונג סובסטאַנץ, ווי עס פעלט אויך נישט אויס דיאַלאָג, כאַראַקטער, אינדיווידועלער קאַמף אין פּראָבלעמען פון סאָציאַלער און וועלטלעכער באַדייט, אַזוי אַז כמעט אַלע פאָרמען זיינען מעגלעך צו דעקלאַמירן. ער איז נאָך פון די שרייבער וואָס האַלטן זיך אין די יידישיסטישע ליניע, די העברעאישע ווערטער מיט וועלכע ער באַנוצט זיך זיינען מערסטענטייל אַזעלכע וואָס זיינען שוין פאַריידישט געוואָרן, און דאָס איז דאָס ווערטפולע, ווייל די שאַפונגען גייען נישט פאַרלוירן פאַר דעם טייל פון דעם נאָך פאַרבליבענעם יידישן לעזער...

ווי געזאָגט, האָבן פאַלמעס דיכטערישע מאָטיוון אין זיך עפּיק, פּאַטאָס, איבערלעבונגען באַזונדערס פון יידישן בעוולה׳טן לעבן! פאַלמע דערהויבט זיך אָפּטמאָל מיט זיינע פּאָעטישע פליגל, שוועבט אין דער אַטמאָספערע פון אַנדערע האָריזאָנטן, דאָך פילט זיך אַרויס, דאָס די שטאַרקסטע ווינטן קאָנען אים פון אונזער וועלט נישט אַוועקטראָגן. ער בלייבט שטענדיק באַהאָפטן מיט אונזער ערד. ווייל זיין ריטם איז דער תמצית וואָס האַלט אים פעסט, נישט פאַרלירנדיק דעם באָדן אונטער זיינע פיס. דער גרעסטער טייל פון זיינע שאַפונגען, זיינען אַדורכגעוועבט מיט אַ פּראָטעסט צו דער אונגערעכטיקייטס סיסטעם. גלייכצייטיק האָבן זיי אַ סאָציאַלן טענדענץ באַגלייט מיט אַ ליכטיקן גלויבן, וועלכער דערמוטיקט פאַר אַ בעסערער וועלט...

דער יסוד פון פּאַלמעס שרייבן, דערמאָנט אונז אין דעם סימבאָליזם פון אונזערע פריערדיקע דיכטער וועלכע האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט דעם גרויסן וועלט־שמערץ. . . . און מעג איך זיין גערעכט אָדער נישט איך מוז דאָ ציען אַ פּאַראַלעל פון אונזערע אַלטע דיכטער מאָריס ראָזענפעלד, אברהם רייזען און אַנדערע, וועלכע האָבן אַ חוץ דעם סאָציאַלן פעלקער פּראָבלעם, אַזוי בולט אַרויסגעברענגט דעם ספּעציפיש יידישן פּראָבלעם, דעם יידישן ווייטאָג און צאָרן.

פּאַלמע גלידערט זיך אַריין אין דער זעלבער קייט. ער איז דער המשך. ער ציט ווייטער דעם דיכטערישן פּאָדים פון זיין צייט אין וועלכער עס שפּיגלט זיך אָפּ דאָס יידישע לעבן מיט אַלע די שרעקליכסטע דערשיינונגען פון דער לעצטער עפּאָכע אין וועלכער דער פאַשיזם און היטלעריזם האָט אָפּ־געשטעמפּלט דעם שוואַרצסטן סטעמפּל אין דער יידישער געשיכטע. עס איז דעם דיכטער געלונגען אויסצוהאַמערן זיינע רינגען פון דער גרויסער אומענד־לעכער קייט פון פּיין און ליידן, וואָס ס׳האָט זיך אָפּגעשפּילט אויף דעם זאַפטיק־קערנדיקן יידישן ישוב פון מזרח־אייראָפּע, וועלכעס ווערט אין זיינס אַ פריערדיקעס בוך באַטיטלט: „פאַרוויסטע ערד“.

פּאַלמע גייט אָפטמאָל אַזוי ווייט, אַז ער קלאָגט אָן גאָט פאַרן מענטש!... אין דריקט אויך אויס זיין שאַרפן פּראָטעסט אַ קעגן דעם וועלטסגעוויסן. . . .

אָט אַ פּאָר ציטאַטן פון זיין ר׳ סנדר, ריידן פאַר זיך:

איך ר׳ סנדר, שלמה יענקעלעס פון פּוילן,
פונם אָפּגעמעקטן ישוב דעם הוילן,
איך אַליין האָב פאַרברענט מיין שטוב.
איך אַליין האָב געמאַכט אַ גרוב,
פאַר מיר, פאַר ווייב און קינד. —
— לאָז איך הערן אַצינד
מיין באַשולדיקונגס־וואָרט,
וואָס זאָל טראָגן זיך פון לאַנד צו לאַנד, פון אָרט צו אָרט:
אַז מיר, די ר׳ סנדרס פון פּוילן,
פונם אָפּגעמעקטן ישוב דעם הוילן.
פון די קברים רופן מיר האַלב פאַרשאָטענע,
און פון פייערדיקע רואינען אָפּגעזאָטענע.
דעם וועלטס געוויסן צום יום־הדין,
אָפּצוגעבן דין־וחשבון, פונעם ציל און זין.
צו פאַרלאָזן אונז פאַרהונגערטע, פאַרדאַרטע,
אויסצושעכטן אונז ווי חיות איינגעשפּאַרטע.
אינמיטן העלן טאָג אויף דער גאַס,
פאַר בלויזן לוסט און פאַר שפּאַס!





נעט ר׳בין אין „ר׳ סנדר“ פון ס. פּאַלמע

אָדער אין זיין געדיכט „כ׳בין דאָרט נישט געווען“... ווערט דער דיכטער אין זיין פאָרשטעלונג בלויז מיט פאַרכאַפּט אין דעם נעץ פון צער און פּיין פון זיינע שוועסטער און ברידער. ער שטעלט זיך אין זייער רייע און לעבט אין דער פאַנטאַזיע אַלעס איבער.

ער רופט אויס:

ניין, —
כ׳בין דאָרט ניט געווען,
דאָך געזען:
וואָלקענדיקן קרעמאַטאָריום רויך,
צי הימלען הויך.

זיך ציען,
און מיען,
דאַן מאָלן זיך פאַר אים אויס די געשטאַלטן :
כ׳האָב אין געשטאַלטונג געזען מײַנע ברידערס נויט,
געזען דעם לויערדיקן טויט.
זיך שלייכענדיק אַרום זיי און מיר,
ביי זייערע גראַטעס, ביי מיין טיר,
מיין אָבגעשלאָסענע פאַריגלטע טיר....
דאַן הערט זיך זיין הערצאיש געשריי :
ס׳זאָל קיינער מיך ניט רופן — מאַרטירער אָדער קנעכט,
אפילו ווען בייטשן שמייסן, חלף שעכט !
דאָס איז מיין אויסגעשריי מיט צאָרן און צער.
קעגן מענטש און וועלט, מיין שופט, מיין „האר“ !
קלאָג איך אָן די וועלט און אַלץ וואָס ס׳איז דיין !
גיב מיר צוריק מיין רעכט און אַלץ וואָס ס׳איז מיין !
כ׳בין איך מענטש ווי כ׳בין ייד !
כ׳וויל ניט זיין אַ פרעמדער גליד
צוגעוואַקסן צו פעלקער און ראַסן,
פאַר יעדן הפקר־מענטש אַ חוזק צום שפאַסן !

געווים איז נאָך נישט דאָ דער דיכטער וואָס זאָל קאָנען איבערגעבן דעם אונדערשעפּלעכן ים פון ליידן, און איך גלויב קוים אַז אַזאַ איבערמענטשלעכער דיכטער וועט אַמאָל זיין.

דאָך איז דעם דיכטער פּאַלמע געלונגען פעסטצוהאַלטן אינם דיכטערישן וואָרט. פנים אל פנים אַקעגן איבער דעם וועלטס־געוויסן : שטיקער איבער־לעבונגען פון דער שרעקלעכסטער צייט פון דער וועלט־געשיכטע, וואָס האָט זיך אַזוי גלייכגילטיק צוגעקוקט צו דער פאַרניכטונג פון איבער אַ דריטל פונם יידישן פאָלק !...

---

די אַרגענטינער
„שריפטן“
(יידישע חודש־אויסגאַבע)
געגרינדעט פון צבי שוואַרץ ז״ל
קענען אַבאָנירט ווערן דורך א. גאָלדבערג
פאַר אַ יאָר :— ‑/30 ; פאַר אַ האַלב־יאָר :— ‑/15
צושיקן לויטן אַדרעס :
A. GOLDBERG,
40, Sheldon Avenue, Barkinside, Ilford

---



יעקב שמואל טויבש

## וועגן „פּאָעטישע“ מאָטיוון
(אַ שמועס)

שמואל : מיין סברא איז, אַז ס׳איז בכלל נישט פאַראַנען קיין באַזונדערע פּאָעטישע מאָטיוון. אויף אַן אַנדערן אופן וואָלט איך אויך געקענט זאָגן, אַז אַלצדינג איז, צי קען ווערן אַ פּאָעטישער מאָטיוו. ביידע זאַצן זאָגן דאָס גלייכע. ביידע פירן צו דער גלייכער הנחה, דהיינו, אַז דאָס „פּאָעטישע“ לאָזט נישט אינדרויסן ; אַז פּאָעזיע איז נישט תלוי אין דער זאַך, אין דעם אָביעקט גופא, נאָר אין דעם מענטש, וואָס באַטראַכט די זאַך. פּאָעזיע איז תלוי אין דעם מענטשנס נשמה, וואָס נעמט אַרום אַלע פּאָעטישע כוחות, שליסט איין אַלע דיכטערשע אוצרות, דעם קוואַל פון אַלע לידער, די שטראָמען פון אַלע געזאַנגען. דאָרט, נאָר דאָרט, אין דעם צויבערישן לאַנד פון דער נשמה, געפינט זיך דאָס גאָלדענע שליסאַלע, וואָס באַ איפשליסן די בלויע הימלטויערן, אויפעפענען די טויערן פון גן־עדן. דאָרט געפינט זיך אָבער אויך דער גראָבער תפיסה־שליסל צו די שוואַרץ־וויסטע טויערן פונעם גהינום....

פון דאָרט פירט זיך דער וועג צו דער אַנדערער וועלט, צו יענער וועלט, וואָס מיר רופן : די וועלט פון פּאָעזיע....

יעקב : דאָס ווייזט מיר אויס אַ פּאָעטישע גוזמא. דו ביזט דאָך זיכער מסכים דערמיט, אַז שפּאַצירנדיק, למשל, ביים ברעג פון אַ וואַסער אין אַ זילבערנער לבנה־נאַכט, ווערט מען גיכער פּאָעטיש געשטימט, ווי גייענדיק אין די ענגע שמוציקע גאַסן פון אַ פאַבריק־שטאָט. הייסט דאָס, אַז דער „אינדרויסן“ האָט פאָרט עפּעס צו באַטייטן.... שטענדיק אויפן שפּיץ פון אַ הויכן באַרג און באַטראַכטנדיק פון דער הייך די אַרומיקע סביבה, די ווייטע, קיילעכדיקע פּאַנאָראַמע, דערהויבט זיך די נשמה גיכער, לייכטער, העכער, ווי זיצנדיק ביים שרייבטיש פון אַ סוחר׳ס ביוראָ.

שמואל : דערמיט בין איך דורכאויס נישט מסכים. אויך דאָ ווענד זיך עס אין דעם, ווער עס גייט ביים וואַסער און ווער עס זיצט ביים טיש. דער סוחר קען, גייענדיק ביים וואַסער, טראַכטן — נישט אין דער זילבערנער לבנה — נאָר אין זיינע גילדענע ווערט־פּאַפּירן ; און אַנדערער ווידער קען זען, זיצנדיק ביים טיש, אַז אַלצדינג איז איינגעטונקען אין פאַרביקע קאָלירן, אין שומערנדיקע ליכטער, אויב ער פאַרמאָגט אין זיין נשמה—דאָס שליסאַלע.

יעקב : גערעכט. אויב מיר זענען זיך אָבער משער צוויי מענטשן, פון אַ מער ווייניקער גלייכן כאַראַקטער, וועסטו דאָך זיכער מודה זיין, אַז אַ געוויסע, באַזונדערע, ראָמאַנטישע סצענאַריע, וועט גיכער און שטאַרקער משפּיע זיין אויף זייערע פּאָעטישע געפילן, ווי אַ טרוקענע, פּראָזאַאישע סצענע....

**שמואל**: דערמיט ביזטו אפשר גערעכט. אפשר וועט דאָס אומגעוויינטלעכע גיכער אָפּציען די נשמה פון איר ערדישער צוגעבונדנקייט, פ׳ן דעם בראַזג און גערודער פון טעגלעכן לעבן. אפשר וועט אַן אומגעוויינטלעכע סיטואַציע זי דערהויבן צו אַ העכערן פלוג, צו אַ טיפערן געדאַנק, אַ שאַרפערער השערה, צו דער קאָנצענטראַציע, דער פאַר־דיכטונג, צ׳ דעם אחד, וואָס מיט זיין הילף־וואָלט מען אפשר אָם בעסטן געקענט דעפינירן דאָס וואָרט פּאָעזיע, דעם באַגריף דיכטונג. — ווייל, וואָס הייסט דיכטונג? אוועקזען פון דער וועלט און זיך צוזען צו איין ענין. דערביי איז די „סצענאַריע" אָבער נאָר דער תנאי צו פּאָעזיע און ניט די פּאָעזיע גופא. וואוינענדיק אין שטאָט איז מען צוגעוויינט צו שטאָטישע אינטערעסן. דערפאַר ווערט דער שטאָט־מענטש פּאָעטיש אין וואַלד. אָבער איך דערמאָן מיך, אַז קומענדיק צוריק אין שטאָט אריין נאָך אַ צייט, פאַרבראַכט אין אַ קליינעם אָרט, ווערט מען באַרוישט פון דער פּאָעזיע פון הויכע הייזער און פון זען אַ סך מענטשן. אַ פּאַסטוך, וואָס האָט פאַרבראַכט אַלע זיינע יאָרן אין דער „פרייער נאַטור", וועט ביים אריינקומען אין שטאָט אַריין, פאַרכאַפּט ווערן, פאַרכישופט ווערן פון דעם שטאָט־רעש, הגם מיר שטאָטלייט ווערן נאָר פאַרטומלט דערפון.

דאָס נייע איז אויף אים משפּיע קאָנצענטרירנדיק, זיין נשמה ווענד זיך צ׳ צו דעם איינעם, נייען געגענשטאַנד און פאַרגעסט אַלע אַנדערע ענינים. ער זעט אוועק פון דער גאַנצער וועלט, פון דער גאַנצער נאַטור און זעט זיך צו צו דעם איינציקן ענין: שטאָט. —

און איך האַלט ווייטער, אַז ס'איז נאָר דער מענטש, די מענטשלעכע נשמה, וואָס גיט ארויס פּאָעזיע; די ארומיקע וועלט, וואו עס זאָל נישט זיין, איז נאָר דער רויער שטאָף, דאָס מאַטעריאַל, דער תנאי צו אַ פּאָעטישן געפיל אָדער געדאַנק.

**יעקב**: ווילסטו, הייסט עס, באַהויפּטן, אַז די שוואַרץ־ברוינע בלאָטע אין גאַס קען זיין פּונקט אַזוי פּאָעטיש, ווי דער פאַרביקער רעגנבויגן אין הימל?

**שמואל**: געוויס. דאָס איז מיין סברא. מיין סברא איז, אַז די שוואַרצקייט פון דאַנטעס גהינום איז נישט ווייניקער פּאָעטיש, ווי זיין גן־עדן מיט דער גאַנצער רייכער סימפאָניע פון פאַרבן און טענער. עס זענען אפילו פאַראַן מענטשן, וואָס האַלטן זיין „גהינום" פאַר פּאָעטישער, ווייל ער איז אומגעוויינטלעכער, ווייל, ביי אים, קאָנצענטרירט זיך די נשמה מער אויפן — אחד!

**יעקב**: דו אליין ווייזט מיר אויס אַ ביסל אומגעוויינטלעך. דו ביזט אַ פּאָעט. און מיר ווייזט אויס, אַז דער פּאָעט איז דער אייגנטלעכער תנאי צו פּאָעזיע. הערנדיק דיך, הויב איך אָן צו גלויבן, אַז אומעטום לעבן און וועבן פּאָעטישע בלימען; אַז זיי שפּראָצן אינעם טריבן רינשטאָק פון דער גאַס און אויף די ווייסע צווייגן פון בליענדיקן עפּל־בוים....





# י. ל. פרץ אינם רוהר־געביט

עס איז געווען אַ פאַרדרייטער טאָג. מיין פירמע האָט מיך אר׳יסגעשיקט מיט אַ נייער קאָלעקציע פון פרילינג סחורות און האָט דערוואַרט גרויסע באַשטעלונגען. די קונים האָבן באַוואונדערט די שיינע נייע מוסטערן און האָבן זייער מעסיק געקויפט. דאָס לאַנד איז נאָך נישט געווען ארויסגעוואַקסן פונם גרויסן קריזיס פ׳ן מלחמה־און נאָך־מלחמה־יאָרן. די שכירות פון אַרבעטער און אָנגעשטעלטע זענען געווען געריננג, נאָר גרויסע פאַמיליעס מיט דריי־פיר באַשעפטיקטע זענען געווען בכח עפּעס צו קויפן.

דער היינטיקער טאָג איז געווען אַ טאָג פון כמעט לויטער שמועסן, דערציילונג און וכוחים, חוץ דעם האָט אַ קונה פאַרלאַנגט פון מיר אַ טובה. איך האָב אים מיטגענומען אין שטאָט אַריין, פאַרברענגט אַ פּאָר שעה, און צום אָפּשלוס, געגאַנגען אין קאַווארניע און גענאַשט פרישגעבאַקענע טשאַסטקעס מיט פעטן פ׳ריש־געשלאָגענעם שמאַנט.

איך האָב מיך פּלוצים דערמאָנט, אַז היינט דינסטיק איז די ערשטע זיצונג פונם ניי־געוויילטן קאָמיטעט פ׳נם יידישן יוגנט־פאַראיין. איך וויל און מוז דאָרט זיין פּינקטלעך. ס'פּאַסט נישט שפּעט צו קומען. ס'איז מיר נישט געבליבן קיין צייט זיך איבערצוטון אין די שבתדיקע מלבושים. פאַרשוויצט און פאַרסאָפּעט בין איך אַריינגעקומען אינם זיצונגס־זאַל פונם יידישן געמיינדע־הויז, וואו אויף ביידע זייטן פון אַ לאַנגן טיש עס זיינען געזעסן די סטאַטעטשנע מיטגלידער פונם ניי־געוויילטן קאָמיטעט.

מען האָט גראָד באַראַטן דעם ערשטן פּונקט: קאָנסטאַטיאירונג פונם קאָמיטעט. דערנאָך האָט מען באַהאַנדלט דעם בודזשעט און אויפגעשטעלט אַן אַרבעטס־פּלאַן איבער רעפעראַטן, לעקציעס, קורסן, עקסקורסיעס וכו'.

ס'איז אינטערעסאַנט פעסטצושטעלן, אַז פון די צוועלף קאָמיטעט־מיטגלידער זענען זעקס געווען מזרח־יידן. אָפיציעל נאָר צוויי: מיין פריינט צבי פאסב׳רגער, אַ העברייאישער לערער און גרויסער ליטעראַטור־קענער און איך, „דער אַרבעטער־וואַנדער־רעדנער". די אַנדערע פיר, וואָס האָבן געשטאַמט פ׳ן אַלע תפוצות פון דער געפּלאַצטער האַבסבורגישער אימפּעריע, האָט מען שוין געהאַלטן פאַר אייגענע. איינער פון זיי איז געווען דער חזן פון דער קהלה, אַ יונג בחורל, וואָס פלעגט פרייטיק צונאַכט און צו ימים־טובים מאַכן קד׳ש טעאַטראַליש און הויך־פייערלעך לויט „נוסח פאַרסיפאַל" להבדיל (ער האָט געהאַלטן דעם כוס אין ביידע הענט, ווי פאַרסיפאַל דעם גראַלס־בעכער).

עס האָט זיך אַזוי צוגעטראָגן, אַז מיר מזרח־יידן האָבן געהאַט אַ גרויסע השפּעה אין דער אַנטוויקלונג פונם יונגט־פאַראיין. די ביידע פאַרזיצער זיינען געווען זייערע אייגענע מענטשן, אַזוי אויך די ערשטע סעקרעטאַרין און קאַסי־

רערין. דער ציוניסט שטערן האָט פאַר זיך געבעטן דעם אַמט אַלס ביבליאָטעקאַר; מיִכאל רענערט, אַ בוקאָווינער ייד איז געוואָרן צווייטער סעקרעטאַר און מיך האָט מען געמאַכט פאַר געהילפס־ביבליאָטעקאַר און פאַראַנטוואָרטלעכן פאַר רעפעראַטן, לעקציעס און קורסן.

איך ווייס ביז צום היינטיקן טאָג נישט, ווי אַזוי עס איז געקומען, אַז מיר אַ פרעמדן איז געפאַלן אין דער האַנט אַריין אַזאַ וויכטיק אַמט. אפשר האָבן די פאַרטרעטער פון דער דייטש־יידישער יוגנט געהאַט די פעאיקייט פון אָרגאַניזירן, אויפבויען און דערהאַלטן אַ יוגנט־אָרגאַניזאַציע, אָבער עס האָט זיי געפעלט אַ שיטה, אַ ליניע און קענטעניש אין יידישע פראַגן, לעבן און ליטעראַטור. וויפל פון זיי האָבן איבערהויפט געוואוסט פון דער עקזיסטענץ פון אַ יידישער ליטעראַטור בכלל? און דאָך האָט מען נישט געטאָרט פאַראַלגעמיינערן. די ערשטע וועלט־מלחמה האָט געבראַכט אומצעליקע מערב־אייראָפעאישע יידן אין נאָענטע באַציאונגען צום מזרח־יידישן ישוב. דאָרט האָבן זיי געפונען פאַרשיידענע פאָרמען פון אַן אימפולסיוון יידישן לעבן.

אומבאַוואוסט האָט זיך אינם קאָמיטעט געשאַפן אַ קולטור־פראַקציע פון פיר מענטשן, וואָס האָבן געוואוסט, וואָס זיי ווילן. זיי האָבן זיך באַמיט אַריינצוברענגען אינם יוגנט־פאַראיין יידיש לעבן מיט אַ גייסטיקן און וועלטלעכן אינהאַלט.

דאָס וואָרט: „יידיש־וועלטלעך“ איז פאַר זיי „וועסטייִדען“ געווען אַ פרעמד־וואָרט, און מען האָט געהערט די אַלטע טענות פון „רעליגיאָנס־געמיינשאַפט“ און „יידישער מיסיע“. און אַזוי ווי זיי האָבן נישט געקאָנט דייטלעך דעפינירן אין וואָס עס באַשטייט די אַזויגערופענע „יידישע וועלט־מיסיע“, האָבן מיר אָנגעהויבן באַשטימט, צילבאַוואוסט און מיט טאַקט צו לאָזן שפּירן אונזער יידיש־וועלטלעכן איינפלוס.

פאַר די גרויסע מאַסע יידיש־דייטשע קליינבירגער פון ג—ך איז אונזער יידישע ליטעראַטור געווען אַ פאַרשלאָסן בוך מיט זיבן זיגלען. אַן אויסנאַם איז געווען די קליינע קאַפּל־גרופּע, וואָס פלעגט זיך טרעפן דאָ און דאָרט, וואו מען האָט זיי נאָר אַריינגעלאָזט. שבת־צונאַכטס פלעגן זיי קומען צו יאַקאָב ליבערט און זיך דערכאַפּן דאָס האַרץ מיט אַ גוטער איבערזעצונג פון ביאַליק, שולם עליכם, בערדיטשעווסקי און פרץ. נישט זעלטן האָב איך פאַר זיי געלעזן אין יידיש און פאַרטייטשט אַ קאַפּיטל פון מענדעלעס „קלאַטשע“ אָדער „פישקע דעם קרומען“. צבי פאַסבורגער פלעגט צו זיי רעדן איבער יידישע געשיכטע און העברעאישע ליטעראַטור.

מיר די „יידיש־וועלטלעכע פראַקציע“, האָבן אייגנטלעך נישט געהאַט קיין אויסגעאַרבעט פראָגראַם. אָבער ס'האָט זיך אַזוי געפירט, אַז חוץ די אַזויגערופענע פרייטיק־צונאַכטס־פייערן און היים־אָוונטן איז די דערציאונגס־און בילדונגס־אַרבעט געלעגן אויף אונזערע פּלייצעס. איך האָב מיך געזעצט אין פאַרבינדונג מיט אַ דאַמאָלס זייער באַקאַנטן לעקטאָר איבער אַלגעמיין־פילאָזאָפישע און יידישע פראַגן. צום צווייהונדערטסטן געבוירן־יאָר פון



אימאַנועל קאַנט (נישט עמענ׳אַל, פריינט בחור הזעצער) האָט ער געהאַלטן אַ פאָרטראַג מיט דעם טיטל: „יידישע מאָטיוון ביי אימאַנועל קאַנט“. דאָס איז געווען אַ מייסטער־שטיק פון רעטאָריק. אַ צייט שפּעטער האָט ער זיך באַרימט געמאַכט מיט זיין אינטערפּרעטאַציע פון יידנטום, היידנטום און קריסטנטום.

מען זאָל חלילה נישט מיינען, אַז עס איז אייביק בשלומדיק צוגעגאַנגען אויף אונזערע זיצונגען. אויף דעם ציוניסט שטערן, דעם גאַליציאַנער, צבי פאַסבורגער און מיר האָט מען „געהאַלטן אַן אויג“. לויט זייער מיינונג זיינען אונזערע דרכים עפּעס געווען אַזוי נישט שכלדיק, נישט פּראַקטיש און נישט־באַלעבאַטיש. מיר האָבן אָבער נישט געוואָלט צולאָזן, אַז דער יוגנט־פאַראיין זאָל ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ ביליקן אַמוזירקלוב אָדער „טאַנץ־קרענצל“.

דיסקוטירנדיק אַזוי אויף אַ זיצ׳נג, וואָס איז פאָרגעקומען אַ וואָך פאַר פסח, איבער ווייטערדיקע פּלענער, פאַלט עמיצן איין פאָרצושלאָגן אַ ליטעראַרישן טיי־אָוונט פאַר חול המועד. מען פרעגט מיין מיינונג, ווייל צו פאַרזאָרגן דעם פאַראיין מיט רעפעראַטן, לעקציעס און רעדנער, איז דאָך מיין דעצערנאַט (אַזוי האָבן מיר עס גערופן). שטיי איך אויף און זאָג, אַז חול המועד פסח קען נאָר זיין אַ פרץ־פייער און ווייטער גאָרנישט.

און אַזוי ווי איך האָב נאָר דערמאָנט דעם נאָמען פרץ, זענען די פּנים'ער פון מיין גאַליציאַנער פריינט צבי, פונם ציוניסט שטערן און דעם בוקאָווינער מיכאל רענערט אויפגעשיינט, ווי די זון אין אַ הייסן ליכטיקן זומער־טאָג. אַלע האָבן מיר צוגערופן: „און איר וועט דאָס איבערנעמען!“

און די אַנדערע האָבן בעל כרחה אויך געזאָגט: אמן. אפשר האָבן זיי געשווינט צוגעשטימט, מחמת זיי האָבן נישט קלאָר געוואוסט, וואָס דאָ גייט פאָר. עפּעס שמועסט מען דאָ וועגן אַ פרץ־פייער... ווער ווייסט וואָסער עקסטראַ יידישער יום־טוב דאָס איז, וואָס די „אָסט־יודען“ האָבן די כוונה דאָ איינצופירן. ס'קען דאָך אָבער נישט זיין קיין גאַנץ געפערלעכע זאַך, ווען מיכאל רענערט און אפילו דער יונגער „דאַאַטשער“ חזן מנוסח פאַרסיפאַל זיינען אויך מסכים דערצו.

און ס'איז געבליבן דערביי, אַז איך זאָל עס איבערנעמען. יאָ, יאָ, איבערנעמען, אָבער מיט וואָס, ליבע פריינט? ס'איז לייכטער צו געפינען עמיצן וואָס וועט רעדן למשל איבער יידישע מאָטיוון ביי קאַנט, העגעל; אַ שלעכטן רעדנער איבער ירמיהו, אַ גוטן פאָרלייענער פון סאַמי גראָנעמאַנס „הבדלה און צאַפּנשטרייך“, אָבער וואו געפין איך דאָ ביי דער רוהר געשווינט אַ גוטן רעדנער איבער י. ל. פרץ. וואו געפין איך דאָ איינעם, וואָס זאָל זיין בכח אין דעם יידיש־אַסימילאַטאָרישן פאַרוואָרפענעם ווינקל פון ג—ך צו שילדערן און דערציילן, ווער דער דאָזיקער יידישער שלאַכטשיץ יצחק לייבוש פרץ מיט זיינע ברענענדיקע אויגן, זיינע שווערע ברייטע פּלייצעס, אויף וועלכע ער טראָגט דעם גאַנצן יידישן גורל, איז? אַזוי רעדנדיק צו זיי האָב איך מיך צו־ברענט און צופלאַקערט וועלכע ראָלע פרץ דער דיכטער, דערציילער און

פאָלקס־דערציער שפּילט אין דער יידישער ליטעראַטור; אַז ער איז דער ערשטער איינפּייער אין דער יונגער ליטעראַטור און גלייכצייטיק אויך דער באַגרינדער פונם פאָרטשריטלעכן יידיש־נאַציאָנאַלן געדאַנק אין גלות.

איך האָב באַקומען דעם אויפטראָג אויסצואַרבעטן אַ פּראָגראַם פאַר די פּרץ־פייערונג און איך אַליין זאָל האַלטן די „פעסטרעדע".

איך האָב כמעט די גאַנצע נאַכט נישט געקענט שלאָפן, אין קאָפּ האָבן זיך מיר געדרייט איינפירונגען, אויספירונגען, זאַץ־בילדונגען, פראַזן, ציטאַטן; אייגענע קאָנסטרואירטע געדאַנקען און אויפגעכאַפּטע פון קריטיקן, רעצענזיעס און מאָנאָגראַפיעס. אַלץ דאָס האָב איך גלייכצייטיק איבערגעזעצט אין דייטש, און די רעדע איז געווען פאַרטיק.

ניין, זי איז נישט געווען פאַרטיק די רעדע. פאַרטיק און שיין אויפגעשריבן איז די רעדע געוואָרן אַ טאָג פאַר דער גרויסער פייערונג. אין דער צווישנצייט האָב איך אויסגעזוכט אנניע בוכמאַן, אונזערס אַ פריינדין פונם יונגט־פאַראיין, וואָס האָט געשמט פאַר אַ גוטע רעציטאַטאָרין און האָב איר געגעבן די וואונדערבאַרע איבערזעצונג פון פּרצ'עס דריי דראַמען: „די גאָלדענע קייט", „אין פּאָליש אויף דער קייט" און „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" פון דאָרט האָט זי זיך אויסגעזוכט עטלעכע סצענעס צום פאָרטראָגן. אַ פריינט פונם „הזמיר" אין עסען ביי דער רוהר האָט צוגעזאָגט אַ פראַגמענט פון דער באַלאַדע „מאָניש". אין גאַנץ ג—ך האָב איך צווישן די צענדליקער פּוילישע און אַנדערע מזרח־יידן נישט געקאָנט געפינען אַ גוטן פאָרלייענער אין יידיש. דער „הזמיר" פון עסען האָט שוין דאַמאָלס געהאַט זיינע „ספּעציאַליסטן".

און אַזוי איז אונזער גרויסער יצחק לייבוש פּרץ געוואָרן איינגעפירט אין דער יידישער וועלט קוים באַקאַנטער שטאָט ג—ך, דער שוואַרצער שטאָט פון קוילן און אייזן. ווען איך בין אַרום אַכט אַ זייגער אין אָוונט אַריינגעקומען אינם זאַל, האָבן אַלע לאָמפּן און קאַנדעלאַברעס צוגעגעבן אַ פייערלעכע שטימונג. די תלמידים פון די העברעע שולן און גימנאַזיום, יונגע האַנדלס־אָנגעשטעלטע, טאַטענס קינדער און זייערע עלטערן, און חוץ דעם אַלע מיינע נאָנטע פריינט און מיין אייגענע לייב־גוואַרדיע (יאָ, איך האָב דאַמאָלס געהאַט אַ „לייב־גוואַרדיע" — אַ פּאָר האַרציקע פריינט און אָנהענגער'), אַלע זענען זיי געקומען אויסגעפּוצט ווי צו אַ גרויסן געשעעניש.

דער ערשטער פאָרזיצער, וואָס איז געווען דער זון פונם פּרנס, האָט מיך געפרעגט, ווי אַזוי ער זאָל איינלייטן דעם אָוונט. ער איז געווען אַ גוטער און פיינער פאַראיינסרעדנער, אָבער ער האָט נעבעך נישט געוואוסט, ווי אַזוי גיך איינצולייטן אַ פּרץ־פייער. איך האָב אים אויפגעשריבן אַ פּאָר דאַטומס פון פּרצעס לעבן און שאַפן, און האָב מיך נאָכדעם געפרייט, אַז דער בחור איז נישט געוואָרן פאַרשעמט.

דאָס איז געווען מיין ערשטער עפנטלעכער אויפטריט ביי אַ גרויסער פּרץ־פייער. דער עולם האָט ר׳איק צוגעהערט און פייערלעך אויפגענומען די פיין־פאָרגעטראָגענע רעציטאַציעס פון אנניע בוכמאַן און אונזער פריינט פונם



„הזמיר". איך בין זיכער, דאָס אַפילו דער געבילדעטער טייל פונם פּובליקום האָט נישט אַלעס פאַרשטאַנען, דאָך האָט מען געקענט פעסטשטעלן אַן אַלגעמיינעם אויסדרוק פון באַוואונדערונג און דרך ארץ.

דאָס איז געווען די ערשטע גרויסע פּרץ־פייערונג אין ג—ך (און אפשר אויך אינם גאַנצן רוהר־געביט), אָבער נישט די לעצטע. יאָר נאָך יאָר פלעגט מען אַרום חול המועד פּסח דאָ און דאָרט צווישן רוהר און רהיין געדענקען די יאָרצייט פון אונזער גרויסן קלאַסיקער. מיר זענען דאַמאָלס געווען יונג און טראַציק און האָבן נאָך געטראָגן דעם פרישן ענטוזיאַזם פאַר אַ אידייע, וועלכע איז געוואָרן געבוירן אין פּוילן, (די נאַציאָנאַל יידישע קולטור־אידייע), און וועמענס פאָנטרעגער און פאָרקעמפער ס'האָט געהייסן פּרץ. מען האָט דאַמאָלסט געשריבן דאָס יאָר 1924. דריי יאָר שפּעטער האָט דער באַצירק־פאַרבאַנד פון די מזרח־יידישע אָרגאַניזאַציעס רהיינלאַנד־וועסטפאַלן מיט דער מיטווירקונג פון אַ גרויסן פּרץ־קענער און גוטן רעציטאַטאָר פאַראַנשטאַלטעט י: ל: פּרץ־יאָרצייט־פייערונגען אין 18 יידישע קהלות פון רהיין און רוהר. בן־ציון מרגליות פונם „הזמיר"־עסען איז געווען איינער פון די איניציאַטאָרן. איך וויל דערמאָנען, אַז אין זעקס שטעט בין איך געווען אויפגעשטעלט אַלס רעדנער. מען האָט גערעדט פאַר אַ געפּאַקטן עולם. אַפילו אינם קליינעם גלאַדבעק, וואו ס'האָבן געלעבט נאָר אַ פּאָר מנינים יידן, זענען צו דער פּרץ־פייערונג געקומען אַן ערך פופציק מענטשן.

יאָ, ס'זענען געווען ימים טובים. דאָס איז געווען י. ל. פּרץ אינם רוהר־געביט.


COLLETS
FOREIGN DEPT.,
67 GT. RUSSELL ST.,
LONDON, W.C
HOLborn 3222 & CHAncery 8392

מען קען באַקומען אינם אויבנדערמאָנטן ביכער־געשעפט פאָלגענדע ניי־דערשינענע ביכער:

| | |
|---|---|
| אויסגעוויילטע ווערק פון מ. י. לערמאָנטאָוו (געבונדן 312 זייטן) | -/6 |
| מלחמה־צייט — דערציילונגען פון ש. גאָרדאָן (175 זייטן) .. | 2/6 |
| דער אויפשטאַנד אין סאָביבור—א. פּעטשאָרסקי (64 זייטן) .. | 6פּ. |
| ווי אַ סאָלדאַט (לידער) פון מ. טאַלאַלייעווסקי (125 זייטן) .. | 1/6 |
| לענין—קורצע באַשרייבונג פון זיין לעבן און טעטיקייט (304 זייטן) | 2/6 |

# אן ענטפער א „באַד־יונג“!

וועלכער האָט געטאָן טון וואַרפן אַ שטיין
אין אַ חסידים־שטיבל־פענסטער אריין. . . .

„ואף אתה הקהה את שניו“...

מיר וואָלטן איִפן מיאוסן פּאַשקוויל פון שלמה גאָלדענבערג, איבער דער טעטיקייט פון „פריינט פון יידיש לשון“, נישט געצויגן קיין שום אויפמערקזאמקייט, ווייל ווי מיר הערן מאחורי הפרגוד זיינען זיי, דער רעדאַקטאָר מיטן לייט־אַרטיקל שרייבער גאָט די נשמה שולדיק: יידן ווילן נעבעך עסן מוזן זיי אָפּטון אַ מיאוסע שטיקל אַרבעט. . . וואָרים אַזעלכע מיני געשרייבעכץ זיינען עס, אפנים, די דאָזיקע סחורה, וואָס זייער „געזעלשאַפטלעכקייט“ אין לאָנדאָן האָט נויטיק ווי דאָס לעבן. . . . און פאַר „פריינט פון יידיש לשון“, ווידער: זאָל עס זיין פון אַ קאָזאַק אַבי צום לעבן.! אַבי עס דערשיינט נאָך אַ יידיש וואָרט אין לאָנדאָן. . . . נאָר כדי מ׳זאָל נישט מיינען, אַז מיר ענטפערן נישט, ווייל ס׳איז אונטער אונזער כבוד זיך אַריינצולאָזן מיט די דאָזיקע פאַרשוינען (וועלכע האָבן שוין סיי ווי סיי פון אונז „אומכבוד אַריבער און אַריבער“. .) וועלן מיר פאַרבויגן, און צעליב טון אונזערע „טייערע“ קאָלעגן, וואָרים דאָס זוכן זיי דאָך נעבעך אַביסעלע פרסום. . . .

* * *

„כל דכפין ייתי ויאכל“! די יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס זיינען, נישט נאָר פאַר יעדן ייד אין ווייטשעפּל און אין לאָנדאָן צו קומען הערן אַ יידיש וואָרט איבער ליטעראַטור און הערן פאָרלייענען פון דער יידישער ליטעראַטור, נאָר יעדער שרייבער „יהיה מי שיהיה“ האָט אַ פרייען צוטריט זיינע זאַכן פאָרצולייענען און זיינע געדאַנקן אַרויסצוזאָגן. און דער שרייבער מ׳ז גאָר נישט זיין קיין „יידישער גאון“, אפילו אַזאַ נעבן־ביי זשורנאַליסט ווי אַ שלמה גאָלדענבערג, צי ווי דער פּראָפעסיאָנעלער „שרייבער און פּובליציסט“ קלינגער, וואָס נעבן־ביי איז ער דאָס צומאָל אויך נישט, האָבן געהאַט „דריסת הרגל“ צו די י.ל.ש.נ. ביז צו דער לעצטער מינוט כמעט (ווי דער לייטאַרטיקלדיקער פּאַסקוויל, מיר נישט דיר נישט, איז אַרויס ווי אַ קאַצן־מוזיק פון אַ צעריסענעם זאַק). . . . און וועלן מסתמא ווייטער האָבן דריסת הרגל, ווי מיר זיינען עס שוין געוואוינט פון אַ סך פון דעם מין: שבת קומט מען „מגיד׳עווען“ און אַ גאַנצע וואָך רעדט מען אויס „אסור לדבר“ (ווי אָט דאָס סטענאָגראַפירטע קאַפע־טישל רכילות לייט־אַרטיקל בלע"ז!) און דעם צווייטן שבת קומט מען ווידער רעפעראַטעווען, וואָרים אַן אַנדער באַשטייענדע טריבונע פאַר אַן עולם, קיין עין הרע, פון הונדערטער יידן רעגלמעסיקע צוהערער איז נאָך דערווייל אין גאַנץ לאָנדאָן נישט בנמצא.

באמת, מ׳מוז שוין האָבן די גדולה,—וואָס עפּעס הילל? !—די גדולד פון אַ „פּוילישן גוטן־יידן“ צוקענען „געבן גייסטיקע שפּייז אויף מאַמע לשון“... מענטשן וואָס „קענען נישט קיין אַנדער שפּראַך אַ חוץ יידיש“, צולאָזנדיק צום פּסוק אַזעלכע פּיל שפּראַכנדיקע ברואים, וואָס רייסן זיך נעבעך צום יידישן ברעטל, ווייל אַן אַנדער לשונדיק ברעטל איז נאָך פאַר זיי דערווייל נישט צוגעגרייט. . . . דער דרך המלך פון שלעפּערדיקע נשמות איז שוין אַזוי: מ׳פּרעסט זיך אָן ביים אָרעמען „הערינג“דיקן טיש, שלינגענדיק די סלינע פון „פּופּעקלעך און לעבערלעך“ אין מ׳גייט אַרויס און מ׳שעלט זיך. . . . אַיי וואָס מ׳האָט נאָך אַריינגעשלעפּט אין דעם „היסטעריש וואולגאַרישן“ געשעלט פּוילישע יידן, חסידות, בעל שם, י. ל. פּרץ, אַש א.א.וו. א.א.וו. דאָס איז מן הסתם, ווייל אַזעלכע ברואים, אַז זיי האַלטן שוין אין שעלטן, שעלטן זיי זיך שוין אין טאַטנס טאַטן אַריין. . . .

איינצוגיין אויף איינצלהייטן פון דעם גייסטרייכן אין „מישכיליש־וויסנשאַפטלעכן לייטאַרטיקל אין אויף דעם כאַראַקטער, פון דעם עלנבויגדיקן „מסיע“ רעדאַקטאָר און זיין זיך רייסנדיק אדון בפקדך־מיטאַרבעטער, האָבן מיר פּשוט קיין צייט נישט און מיר ווילן אויך נישט פאַרפּאַסקודעווען דעם „ביולעטין“ פון פריינט פון יידיש לשון, אין וועלכן דער איינער איז געווען — ביז ערשט נישט לאַנג — אַן „אַמאַטאָר“ אין דער אַנדערער האָט „געמאַכט די ערשטע שריט“, אָבער מיטן לינקן פוס. . . .

מיר האָבן גאָרנישט קעגן דעם, אַז זיי האָבן אַצינד באַקומען „מעבר־יעבוק“דיקע „בראָנפן מעצענאַטן“ און עס וועט זיין אויף אַ „טייערן ביסן“ און אַז „די פרייע יידישע טריבונע“ וועט ווערן אַזוינס און אַזעלכעס, מיט נאָך אַ גרעסערן קדוש לבנה קאָפּ און מיט „קאָלאָרד פּיקטשערס“... אין ער וועט טאַקע ווערן דער „בעסטער זשורנאַל בכל תפוצות ישראל“. . . . דער ביולעטין פון פריינט פון יידיש לשון האָט נישט אַזעלכע און ענלעכע אַמביציעס! מיר ווילן נישט אַרויסשניידן אַרטיקלען פון גאָט ווייסט פון וואו און פון וואַן און דאָס אָפּגעדרוקטע אוועקשיקן וואו דער פּעפער וואַקסט. . אונזער „אַרטיקל“ באַשטייט נישט פון אימפּאָרט און עקספּאָרט! מיר ווילן נאָר אָפּדרוקן די אַרבעטן פון „אייגענע מענטשן און עס זאָל געלייענט ווערן פון „דער חברה פון קליינעם וועלטל פון ווייטשעפּל“. . . .

וואָלט עס זיך געהאַנדלט וועגן אַן עקזיסטענץ־און קאָנקורענץ קאַמף און דער „זשורנאַל“ „פרייע יידישע טריבונע“ וויל פאַרכאַפּן דעם פּלאַץ פון „לשון און לעבן“, וואָלט דאָך שוין געווען אַזאַ יאָר אויף אונז! דאָ גייט עס אָבער, אַז דער פּראָפעסיאָנעלער „שרייבער און פּובליציסט“ וויל ווערן אַ „געמאַכטער“ רעדאַקטאָר (וואָס איז דאָ אַסך צו פאַרשטיין: גראַפאָמאַניע פאַרשטייט איר? איז אויך פאַראַן אַזוינס ווי רעדאַקטאָר־מאַניע..) און דאָס פּיצעלע „טיכטיקייט“ זיינע סטייעט אויף צו וועלן צושטערן דאָס ביסעלע לשון און לעבן, מיט וועלכן אַ פּאָר האָראָפּאַשנע מענטשן און אַ פּאָר שרייבער באַמיען זיך דאָ אויפצוהאַלטן בכל עמצם כוחתם. און דער באָד־יונג „מיך אַרט נישט“, —

מיט זיין איינגעבוירענער טומלדיקייט, איז וואָס עס בויט זיך דאָ אויף, זוכט ער עס צו צעשטערן, — איז ווי יעדער שטאָט־שייגעץ, בשעת באַדינענדיק איין בעל דבר זוכט ער שוין בשעת מעשה באַלד איינצוקויפן זיך אין יחוס ביי אַ צווייטן בעל דבר, ווייזנדיק יענעם ווי גוט ער טוט זיין מלאכה.... האָט ער טאַקע געוויזן, — אַ שוין זיכערן און געמאַכטערן רעדאַקטאָר, — אַז וואַרפנדיק אַ שטיין, שוינט ער אַפילו נישט אים צו צילן צומאָל אַ פּרוי אין קאָפּ אַריין....

און מיט אָט דעם „געמיזעכץ“, מ׳שטיינסגעזאָגט, מוזן מיר דאָס קעמפן! איך דערמאָן מיך אין יאשו פון אונזער שטעטל, וואָס פלעגט רייניקן די יידישע הויפן. אמת, ער האָט קיין לייכטערן לעבן פון מיר נישט געהאַט, אָבער מער כוחות.... שאַ... שט—יל...

עיקר שכחתי: —יאָ אויב פּאַרטיי אינטריגאַנטן, אַפּיעל־פּאָליטיקער, אָדער סתם פיינע מענטשלעך מיינען, אַז דורך אָט די צוויי, דעם טיכטיקן רעדאַקטאָר און זיין ריכטיקן מיטאַרבעטער, וועלן זיי צעשטערן אונזער שווערע און מיפּולע אַרבעט, זיינען זיי זיך לגמרי טועה..!!!

באַמערקונג פון דעם שעף־רעדאַקטאָר,

דאָס שטיקעלע מיאוסע אַרבעט, פּינם אָנשרייבן דעם ענטפער, טוט אונז נישט לייד, ווייל דורך דעם וועט דאָך דער 2־וועכנטלעכער־3־חדשימדיקער זשורנאַל, „די פרייע יידישע טריבונע“, כאָטש נאָך איינמאָל מוזן דערשיינען, אונז צו געבן אַ ענטפער, וועלן מיר דאָך ממילא באַקומען צו זען די איבערגעריסענע פאַרזעצונגען פון דער איבערגעריסענער דערציילונג פונם „שרייבער און פובליציסט“ פון נומער 1 און פון דעם נעמלעכן די „דראַמע“ פון נומער 2 אינם קומענדיקן נומער 4 „פרייע יידישע טריבונע“....

פון קראַנקהאַפטיקייטן און שלעכטיקייטן, ווען ס׳פּאָרט זיך מיט טאַלענט מוזן מיר נאָך אָוועקקוקן אין לידן, אָבער פון סתם אַמביציע? מ׳וועט דאָך באַלד מיינען, אַז דאָס אַליין איז שוין גענוג!....

וואָרים וואָס ווייסן „מעצענאַטן“, צי „מעצענאַטלעך“ פון קונסט, פון קולטור, פון ליטעראַטור — מ׳קומט צו זיי אין שטוב אַריין און מ׳מאַכט די קניץ.... און מ׳נעמט די פּאָר קליינגעלט! וואָס ברויכן זיי, די אַלע נאַרישקייט, ליטעראַטור־שמור, — מ׳גיט זיי וואָס ס׳קומט זיי און מ׳כאַפּט וואָס מ׳קאָן: אַז מ׳קריכט אויף אַלע פיר און מ׳ווייזט, אויפצופליסן די ציין, (יידישע גבירים האָבן ליב שעפּן נחת פון גיבורי האומה...) וואַרפט מען טאַקע צו צום שיכור׳לעכן פאַרביים אַ „פּופּיקל“... אַזאַ פּנים האָט עס דאָ, מ׳שטיינסגעזאָגט! איז באמת גוט אַז מען ווייזט זיי, — ביידע, די הערן מעצענאַטן און די אַלע גרויסע צעליינגערס מכל המינים, — כאָטש איינמאָל דעם שטעקן. זיי ווייסן דאָך צומאָל נישט אַז עס איז נאָך פאַראַן אַזאַ מין.... ביי דער גייסטיקער אָרעמקייט דאָ און ביי דער נאָך גרעסערער הפקרות.

ש.



# אברהם בוימערדער (בעלגיע)
# אלעק וואַטערמאַן אין בריסעל ביי דער „סאָלידאַריטעט“

אַזוי ווי וואַטערמאַן איז אָנגעקומען קיין בריסעל האָט שוין געוואַרט באַם צוג אַ דעלעגאַציע פון די יידישע „סאָלידאַריטעט“ אין אויפגענומען דעם חשובן גאַסט. אַלעק ווערט גלייך אויפגענומען אין די סאָלידאַריטעט, וואו ער האָט אַ חשובן שמועס מיט די פאָרשטעער פון די סאָלידאַריטעט. מען דאַרף ניט קיין סאַך דערציילן אונזער אַלעקן וואָס פאַר אַן אַרבעט עס ווערט דאָ געפירט, מיט זיין טיפן און שמייכלדיקן בליק זעט ער אַז ס׳איז דאָ פאַראַנען אַ פּראָגרעסיווער און אַ קולטורעלער יידישער צענטער, אַ היים פאַר דעם יידישן אַרבעטער און פאָלקס־מענטש.

דאָ זעט וואַטערמאַן אַז אַ גאַנצן טאָג ווערט געפירט אַ גרויסע טעטיקייט. ס׳קומען פאַרשידענע מענטשן וועגן אויסקונפט און סתם עצות פרעגן, אַלץ ווערט ערליידיגט פּינקטלעך. אויך נאָך דער אַרבעט אין אָוונט קען מען זען ווי ס׳קומען זיך צוזאַמען פאָלקס מענטשן און מען דיסקוטירט פאַרשידענע פראַגן פונקט ווי אַמאָל אין די אַלטע היים אין פּוילן.

שטייט אַזוי חבר אַלעק און טראַכט ווי עס איז אַזוי גוט צו זען ווי חברים זענען אַזוי איבערגעגעבן. ווי לאַנג איז דען אין גאַנצן ווי בעלגיע איז באַפרייט געוואָרן און דאָך האָט זיך שוין ווידער געשאַפן אַ יידיש קולטורעל לעבן אין דעם קליינעם יידישן ישוב.

מיטוואָך דעם 5־טן מערץ האָלט אַלעק וואַטערמאַן אַ רעפעראַט אין אַ גרויסן זאַל ווי עס זענען זיך צוזאַמען געקומען אַ פּאָר הונדערט אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן, פריינט גאָרקי דער פאָרזיצער באַגריסט אין נאָמען פון די סאָלידאַריטעט דעם חבר אַלעק מיט אַ פּאָר קורצע ווערטער דערמאָנט די גרויסע פאַרדינסטן אין די וויכטיקע אַרבעט וואָס אַלעק פירט און אין לאָנדאָן און אַרבעט מיט אין פאַרשידענע פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס ווי דער יידישער קולטור קלוב, אַרבעטער רינג, און פריינט פון יידישן לשון אין אַנדערע. מיט גרויס צופרידענהייט דריקט אויס פריינט גאָרקי אַז מיר האָבן דאָ אַ טייערן גאַסט אין מיט זיין צוריק פאָרן קיין לאָנדאָן וועט ער זיכער צוזאַמען בינדן די צוויי לענדער ענגלאַנד מיט בעלגיע.

דאָס וואָרט באַקומט אַלעק וואַטערמאַן. — וואַטערמאַן הייבט אָן מיט די ערשטע ווערטער, ער ברענגט אַ גרוס פון די לאָנדאָנער חברים און ער זאָגט אַז מיט זיין קומען קיין בעלגיע איז דורכאויס נויטווענדיק אַז ס׳זאָל ווערן געשאַפן אַ פאַראייניקונג צווישן די ענגלישע און בעלגישע יידישע פּראָגרעסיווע כוחות און רופט צו אַ צוזאַמענאַרבעט.

אַלעק גייט איבער צו זיין טעמע וואָס הייסט „רעוויזיאָניזם און דער פּאַלעסטינער פּראָבלעם“. מיט זער אויסגעהאַלטענע אַרגומענטן ווייזט אָן דער רעדנער ווי אַ שעדלעכע פּאָליטיק עס ווערט געפירט פון די לייבאָר רעגירונג. ער דערמאָנט אַז דאָס איז אַפּאָרזעצונג פון די טשעמבערליינס, און

ווי אויך פון שיידמאַנס און נאָסקים אין דייטשלאַנד. ער רופט אַז די גאַנצע פּראָגרעסיווע וועלט און יידן בפרט דאַרפן שטיין אויף די וואך און ניט דערלאָזן צו אַ וועג וואָס די רעדער גייען אויף צוריק אַנשטאָט וואָס דאַרף גיין פאָראויס.

וואָטערמאַן קריטיקירט שטאַרק בעווינס פּאָליטיק וועגן פּאַלעסטינע־פּראָבלעם אַז ס'ווערט געפירט אַ שעדליכע אַרבעט קעגן יידישן יישוב אין פּאַלעסטינע דאָס וואָס יידן האָבן אויפגעבויט רופט א״ים וואָטערמאַן דאָרט ווי ס'איז געוואָרן געפלאַנצט און איבערגעאַרבעט די ערד, קומען היינט ענגלישע טאַנקען און זיי צוררייבן דעם יידישן באָדן, דער רעדנער ווייזט אָן אַז די איינציקע לייזונג איז נאָר אַז די יידישע באַפעלקערונג דאַרף זיך פאַרשטענדיקן מיט די אַראַבער צו לעבן צוזאַמען אויף אַ פרידלעכן וועג ווייל שכנים קאָנען זיך גוט איינלעבן און זיך העלפן קעגנזייטיק אָבער דער לענדלאָרד וואָס זיצט אין לאַנד זיי ז״כן צו שטערן די צוזאַמענאַרבעט.

אַלעק קריטיקירט שטראַק די ענגלישע און די אַמעריקאַנער רעגירונגען און רופט אַז די לאַגערן וואו ס'געפינען זיך נאָך אַלץ יידן זאָלן אויפגעמאַכט ווערן און אַלע לענדער מוזן אויפמאַכן די טויערן איינגעשלאָסן פּאַלעסטינע.

דער רעדנער פאַרדאַמט דעם טעראָריזם וואָס ווערט געפירט אין פּאַלעסטינע און ער זאָגט אַז זיי זענען נאָר באַצאָלטע מענטשן פון אַמעריקע. וואָטערמאַן רופט אַז דער גאַנצער פּאַלעסטינער פּראָבלעם מוז איבער גיין צו דעם „יונאָ" ווי אויך צום סאָוויעט רוסלאַנד, ווי עס פאָדערן אויך פאַרשידענע ציוניסטישע פירער. אַלעק רופט אַז יעדער איינער ייד וואָס איז פאַראינטערעסירט אין אַ בעסערער צוקונפט מוז שטיין אויף די וואך און קוקן מיט אָפענע אויגן ווייל מיר יידן האָבן זער טייער באַצאָלט אין די קריג און מיר האָבן דאָס רעכט צו לעבן אין יעדן לאַנד ווי יעדער איינער בירגער.

דער פאָרטראַג פון אַלעק וואָטערמאַן איז געוואָרן אויסגעהערט מיט די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט פון אַלע צוהערער. פּונקט ווי אין לאָנדאָן, מאַנטשעסטער איז וואָטערמאַן געוואָרן בעוואוסט אַלס איינער פון די בעסטע רעדנער וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע פאָרטראָגן סיי אין אינהאַלט און אויך פּאָליטיש רייף אַזוי וועט מען אויך געדענקען דאָ אין בריסעל דעם אינהאַלטסרייכן פאָרטראַג פון אונזער אַלעק וואָטערמאַן.

*READ* the ZIONIST REVIEW

*for Reliable Information on Palestine*

4d. per copy    £1. 1. per annum.

75 Great Russell Street. W.C.1



## באַקאַנטמאַכונג!

פון „פריינט פון יידיש לשון"

עס האָט זיך געבילדעט אַ „א. נ. שטענצל יובילעאום קאָמיטעט" צום 50־סטן געבוירנטאָג פון **א. נ. שטענצל** און זיין 25־יעריקע ליטעראַרישע טעטיקייט, וואָס פאַלט אויס דעם 9־טן מאַי, 1947.

דאָנערשטיק, דעם 8 מאַי (ל"ג בעומר) אין אָוונט קומט פאָר אַ פייערונג לכבוד דעם יובילאַר.

אין שייכות דערמיט וועט אין דעם טאָג דערשיינען שטענצל'ס אַ בוך־לידער און פּאָעמעס א.נ. „אויפגעבראָכענע יאָרן".

אָרגאַניזאַציעס און יחידים, וועלכע ווילן זיך באַטייליקן, ווערן געבעטן זיך צו ווענדן צו:

A. PALUSHAK
64, Lauriston Road, London, E.9

## קולטור ידיעות מארבע כנפות הארץ

וואַרשע. — אַלס אױסדרוק פון באַזונדערער אָנערקענונג פאַר ליטעראַרישער טעטיקייט פונם טאַלאַנטפולן יידישן שרייבער אפרים קאַגאַנאָווסקי האָט דאָס פּרעזידיום פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן באַשלאָסן אויסצוטיילן פאַר אפרים קאַגאַנאָווסקי אַ ספּעציעלע סטיפּענדיע אין דער הויך פון 10.000 זלאָטעס אַ חודש.

*     *

פּאַריז. — דאָ איז געקומען פון פּוילן דער באַקאַנטער יידישער מאָלער־פּלאַסטיקער, רפאל מאַנדעלצווייג.

דער קינסטלער איז אין דער אָקופּאַציע צייט געווען אין ראַטן פאַרבאַנד און האָט דאָרט אָפּגעגעבן זיין צייט אויף צו פאַראייביקן די גאַנצע מאַרטיראָלאָגיע און קאַמף פון די יידן אין דער מלחמה צייט.

מאַנדעלצווייג האָט אויסגעשטעלט זיינע בילדער אין די גרעסטע שטעט פון פּוילן און אַרויסגערופן אַ גרויס אינטערעם ביי די צושויער, קונסט מבינים און קריטיקער.

*     *

פּאַריז. — דאָ איז פאָרגעקומען אין דער קונסט־אַטעליע פונם קינסטלער בען אַן אינטימע באַגעגעניש פון דער פּאַריזער ליטעראַרישער משפחה מיטן קינסטלער, לכבוד דעם דערשיינען פון זיינע „22 אילוסטראַציעס צום תנ"ך" (פאַרלאַג צעראַטאַ).

די מסיבה ווערט פייערלעך דערעפנט דורך יוסף מילנער, וועלכער באַצייכנט '22 אילוסטראַציעס' אַלס וויכטיקע געשעעניש אין יידישן קולטור לעבן פון פּאַריז.

אַ זייער אינטערעסאַנטע קונסט אָפּהאַנדלונג וועגן די 22 אילוסטראַציעס האַלט דער באַקאַנטער פראַנצויזישער קינסטלער זשאָרזש וואַלדעמאַר, וועלכער זאָגט, אַז זיינע אילוסטראַציעס זענען אַ וויכטיקער צושטייער צו די ביבל אילוסטראַציעס, און ווייזט אַרויס די

* *

זונטיק, דעם 13־טן אַפּריל אָרדנט איין דער יידישער ליטעראַטן פאַראיין אַ באַנקעט פאַר בן־א. סאַכאַטשעווסקי צום דערשיינען פון זיין „למך השני“.

* *

ביי אַן אָוונט פון „פריינט פון יידיש לשון איז זייער וואַרים באַגריסט געוואָרן דער פּאָרזיצער פון די קאָלאָניעס אין עמק, עקיבא גאָלדשטיין.

* *

אין ניי יידישן טעאַטער, אדלער סט. אין פאָרגעקומען אַ גלעזל טיי, פאַר וועלכן די טעאַטער פירער א. מייזעלס און נ. ביטלער האָבן אָפּגעגעבן אַ פריי־דיקן באַריכט פון זייער אַמעריקע־רייזע.

* *

„פריינט פון יידיש לשון“ צוזאַם מיט דער דירעקציע פון ניי־יידיש־טעאַטער פירן אויף „אַ גאָלדפאַדן חלום“ מיטוואָך דעם 16-טן אַפּריל.

* *

די נייע אַקטיאָרן קרעלמאַן, פרוי קרעלמאַן, אריאל האָבן מיט גרויס דערפאָלג אויפגעפירט אַ „בלוטיקן שפּאַס“ פון שלום עליכם, צוזאַם מיט דער טרופּע פון יידישן פאָלק־טעאַטער, גרענד־פּאַליי אונטער די לייטונג פון מאַרק מאַרקאָוו.

* *

קומענדיקן חודש פירן זיי אויף די קאָמעדיע „הערשעלע אָסטראָפּאָליער“ פונם סאָוויעטישן יידישן שרייבער גערשענזאָן.

* *

דער אַקטיאָר הערמאַן טונים מיט זיין פרוי זיינען געווען די געסט פון פריינט פון יידיש לשון. נאָך די באַגריסונגען האָט טונים מיט גרויס טאַלענט דעקלאַמירט סצענעס פון „גאָט מענטש און טייוול“ און פון „טאָג און נאַכט“.

* *

דער אַרבעטער און קולטור טוער עליק וואָטערמאַן איז אַ דורכגעגאַנגען אַ שווערע אָפּעראַציע.

* *

דער זשורנאַליסט י. טינער איז געפערלעך קראַנק אין סט. דזשאָרדזשעס שפּיטאָל. מיר ווינטשן אים אַ באַלדיקע רפואה שלמה.

* *

דער „הזמיר“ אין ליעדס אונטער די לייטונג פונם חזן און דיריגענט יעקב שערמאַן האָבן געהאַט אַ קאָנצערט פון פאָלקס־ליד אין וועלכער עס האָבן זיך אויך באַטייליקט די אַקטיאָרן אסתר שטיין און גרינשפּאַן.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאָכמיטאָגס

(אין בערנאַרד באַראָן־סעטלמענט, 33, בערנער סטריט, א.1. — 3 אַ זייגער)

שבת,, דעם 5־טן אַפּריל — געדענק־טאָג פונם וואַרשעווער אויפשטאַנד.
אויפשטאַנד.

שבת, דעם 12־טן, אחרון של פסח, די טראַדיציאָנעלע פּרץ־פייערונג.

שבת, דעם 19־טן וועט רעוו. חזן שמואל ראָטה, האַלטן אַ געשיכטלעכן פאָרטראָג איבער דער עפּאָכע פון דוד המלך.

שבת, דעם 26־טן וועט דער אַרבעטער־טוער מאָריס מינדל האַלטן אַ פאָרטראָג איבער דער יידישער פּרעסע.


דער „מאָרגען - זשורנאַל“ פון ניו־יאָרק איז די פירענדע יידישע טאָג־צייטונג אין אַמעריקע.

דער „מאָרגען - זשורנאַל“ איז די איינציקע יידישע צייטונג אין דער וועלט, וואָס האַלט אויס אין לאָנדאָן אַ ספּעציעלן ביוראָ, כדי טעלעגראַפיש צו אינפאָרמירן טאָג־טעגלעך זיינע הונדערטער טויזנטער לעזער וועגן אַלגעמיינע און יידישע געשעענישן אין אייראָפּע.

די „מאָרגען - זשורנאַל“ לעזער אין לאָנדאָן און אין ענגלאַנד קאָנען באַשטעלן די צייטונג, ווען זיי שיקן צו פאָראויס אַ טשעק אָדער פּאָסטל־אָרדער אויף £4.10.0 פאַר אַ יאָר, אָדער £2.7.6 פאַר זעקס חדשים.

שרייבט דייטלעך אייער נאָמען און אַדרעס (אין בלאָק־שריפט) און שיקט אייער באַשטעלונג אויפן אַדרעס:

*JEWISH MORNING JOURNAL*, Europeon Buraus, 66, Woodland, Golders Green, London, N.W.11.
*Telephone* SPEedwell 7935

**P. & P. METALWARE AND ENGINEERING CO.**
**1, (rear) EVELYN STREET, DEPTFORD, S.E.8.**
Tel.: **BER**mondsey 1681.

ספּעציאַליסטן פון לייכטע קאָנסטרוקציאָנס־אַרבעטן, אויטאָגניש שווייסן, מאַשינען פאַרריכטונגען און עלעקטר. אינסטאַלאַציעס.

ווערקס־מענעדזשער :— א. פּאַלושאַק

דער
פּלאַץ
איז
רעזערווירט
פאַר
י. ביעטש

יידישער טעאַטער „גרענד פּאַליי“, קאָמערשל רויד, א.1

**מאַרק מאַרקאָוו** און **עטא טאַפּעל**

טרעטן אויף מיט זייער קינסטלער טרופּע

טעגלעך יעדן אָוונט — 7.30

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

אכטער יאָרגאנג — לאָנדאָן מאי 1947 — נומער 5 (העפט 88)

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאלט:

די צוקונפט פון יידיש אין ענגלאַנד
אָדער, די צוקונפט פון יידן אין ענגלאַנד — ** .. 1
מרידה (צו דער פערטער יאָרצייט פון וואַרשעווער
געטאָ־אויפשטאַנד) — ד"ר יעקב מייטליס .. 5
געטאָ אין וואַרשע (ליד) — יצחק ווינער .. .. 9
מעטאַלענער גורל (סקיצע) — זיינוול דיאמאנט .. .. 10
זע מענטש ווי באַפליגלט דו ביסט (ליד) — משה עובד .. 15
מיין ערשטער רעדאַקטאָר (צום 70 יאָריק יובילעאום
פון קלמן מארמאָר) — ל. ש. קרעדיטאָר .. 16
זשאַן ריטשאַרד בלאָך (עסיי) — לעאָ קעניג .. .. 19
גליביקע סאָנעטן (4) — יעקב שמואל טוביש .. .. 22
די מהומה (דערציילונג) — י. ביעטש .. .. .. 24
דריי מאַי גלעקלעך (3 לידער) אברהם פנחס ציקערט .. 32
א מתנה צום דיכטער א. נ. שטענצל צו זיין 50 יובילעאום
(ליד) — ש. זאלקין .. .. .. .. 33
יידישע נקמה (פון דער סעריע דערלעבענישן) — משה עובד 34
מאַי.... צוויי לידער (לידער) — א. נ. שטענצל .. .. 39
הער זיך איין ענגלאַנד..! — הרב דוב ווארשאווסקי 43
פון לאָנדאָנער פאָלקלאָר — סעם פעלטן .. .. .. 48
פאַרדאָרבענע יידישע קישקעס (מן־הצד) — נחום שטענצעל 49
יידישע קולטור אַרבעט אין לאָנדאָן און דאָס „ניי יידיש טעאטער" ל.ר. 51
א טעאַטער־גרוס פונם סאָוויעט־יידנטום — ש. .. .. .. 53
אזוי לעבט אויף א שטעטל (רעפּאָרטאזש) מ. ווינערמאן .. 57
וועגן מיין אַרטיקל איבער אייער 25־יאָריקן שאַפן
(א בריוו) אליהו פאלושאק .. .. .. .. 59
ביכער אָנגעקומען אין רעדאַקציע .. .. .. .. 61
קולטור ידיעות מארבע כנפות הארץ .. .. .. .. 62
ידיעות פון דאָ .. .. .. .. .. .. 63
מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאָכמיטאָגס .. .. 64

פרייז 1 שילינג

אבאָנענטס־פרייז:—13/6 פאר א יאָר;
אין אויסלאַנד:—3 דאָלאר א יאָר
1/3 פאר א פּראָבע נומער

אַדרעס פון רעדאַקציע
„לשון און לעבן", נאַראָד־פּרעס, 129-131 קאַוועל סטריט, לאָנדאָן א.1.

By Appointment
Dealer in Antiques to
H.M. QUEEN MARY

CAMEO CORNER
(Proprietor: Mosheh Oved)
are
Buyers and Sellers
of
Interesting Old Jewels

26 MUSEUM STREET,
LONDON, W.C.1.
MUSeum 0401.

ס. און ב. פלאסטיקס לטד.
פאבריקאנטן און עקספּאָרטערס
21, BERWICK STREET,
LONDON, W.1
*Telephone:* GERARD 7543

זיינוול דיאמאנט
„אונטערן האקנקרייץ"
א באנד נאָוועלן 216 זייטן
דערשינען אין פארלאג א. ב. צעראטא,
פאריז. באשטעלונגען ביי:
E. Paluszak, 64, Lauriston Rd.,
Hackney, E.9.

ניי-יידיש טעאטער
פאלקס הויז (בית עם לטד.) אדלער סט., א.1
דירעקטאָריום: וו. קאָסאָף, ה. רייפעלזאָן, מרס. שאַפּירא.
טשערמאַן: מ. ביטלער. אָנפירונג: א. מייזעלס. האָנ. סעק.: א. ביטלער.

מאיר צעלניקער
און די פאריזער שוישפּילער
מרים קאראלאווא און לעאן בלומענזאן

צוזאמען מיט די שוישפּילער לויטן א"ב:
פרויען:— אנא בוים, שוועסטער טענטלער, קלארא מייזעלס, מעטא סעגאל, אנא צעלניקער, איידא שערמאַן, מיני שערמאַן.
מענער:— מאַררים אקסעלראָד. מאקס בוים, פאול גאָלדשטיין, הערמאַן טונים, דוד סעגאל, א. פוקס, יאָזעף שערמאַן א.א.
מוזיק דירעקטאָר: פהיל בערנשטיין. בינע מענעדזשער: זשאַק טשעפּל

יעדן אוונט פארשטעלונג (פרייטאָג געשלאָסן)
שבת און זונטאג מאטינע 3 בייטאג
אוונט 7.30

*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*